# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 48-49 - November-December 1967 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/49n3g65m

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 48-49(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1967

### Copyright Information
Copyright 1967 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים


42־סטער זמן
פון דעם לאָס אַנגעלעסער
יידישן קולטור־קלוב

**48-49**

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

האַרבסט נומער • תשרי־כסלו — אָקטאָבער־דעצעמבער, 1967

# אינהאַלט


חיים אָסטראָווסקי: אין ישראל בעת די גורלדיקע טעג — 3
אברהם לעוו: אויף מאָרגן נאָך דער שלאַכט (ליד) — 5
נתן יונתן: קונסט ווי די פעלד־אַרבעט פון גייסט — 6
דוד ספאַרד: רצחת וגם ירשת (ליד) — 8
ז. בונין: צוויי לידער — 9
שמואל יוסף עגנון: מיט מיין האַרץ (דערציילונג) — 10
לוי גאָלדבערג: מענטש (ליד) — 11
פינטשע בערמאַן: צוויי לידער — 12
מעינקע קאַץ: אַ זומער־טאָג אין צפת (ליד) — 13
מ. גיציס: דער סך־הכול (ליד) — 13
יוסף לעפּטוויטש: צוויי לידער — 14
י. א. אבודין: מאַרטין בובער — זיין חסידות און „איך און דו" פילאָסאָפיע — 15
לאָטי פ. מלאך: דער עלצטער (דערציילונג) — 22
ברכה קודלי: קאַליפאָרניער מאָטיוון (ליד) — 26


## שרייבער און ביכער


ישראל עמיאָט: אַ נוצלעך און וויכטיק ווערק — 27
יחזקאל בראָנשטיין: צוויי ביכער יידישע פּאָעזיע — 29
צבי שטאָק: דערציילונגען פון איבער וויסטע וועגן — 35


## קונסט און קינסטלער


אַריה פּאָזי: קאָוונער־גראַדסקי — אַן אייגנאַרטיקער יידישער קינסטלער — 37
זלמן זילבערצווייג: דער יובילאַר שמואל ברייגין — 41
שמעון וואוזעק: פרילינג (ליד) — 43
מאָריס זילבערט: תנחום ברייס — 44
יהושע גרינהאָף: אויף די וועגן פון אַמאָל (ליד) — 45
מרים מעלצער: שבת אין גבעתיים (ליד) — 46


## צום 42־טן זמן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב


מאָריס זילבערט: דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב — 48
רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־אָוונטן — 50
באַגריסונגען — ביישטייערונגען — פינאַנץ־באַריכט — 56


## לזכרון נצח


י. ראשעל: י. גינזבורג ע"ה — 60



**HESHBON**

*Quarterly Literary Review*

A. POSY, Editor

S. BUNYAN, Secretary

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100


# חשבון


פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

אַריה פּאָזי, רעדאַקטאָר

יוסף וויינמאַן, פאַרוואַלטער — ז. בונין, סעקרעטאַר

14טער יאָרגאַנג., נומ. 48־49 • אָקטאָבער־דעצעמבער, 1967 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


חיים אָסטראָווסקי

## אין ישראל בעת די גורלדיקע טעג

זעקס וואָכן האָבן מיר פאַרבראַכט אין ישראל, מיין פרוי פערל און איך. איצט זען זיי אויס ווי אַן אייביקייט.

מיר זיינען אַהין אָנגעקומען סוף חודש מאַי — די שענסטע צייט פון יאָר. מ'האָט נאָר וואָס געפייערט דעם יום העצמאות, אָבער קיין שמחה האָט זיך ניט אַרויסגעפילט. אַ באַזונדער ערנסט האָט אַרויסגעשיינט אויף די פנימער. ישראל איז געשטאַנען פאַר גורלדיקע טעג. ס'איז געווען ערב מלחמה... דער שונא איז געשטאַנען ביי די טויערן.

אָבער דאָס לעבן איז זיך אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. קיין פּאַניקע, קיין סימן פון היסטעריע. די מענער גייען צום פראָנט, די פרויען און די קינדער נעמען איבער די טעגלעכע פונקציעס פון לעבן אין געשעפט, אויף דער פּאָסט, אין דער ווירטשאַפט.

אין לאַנד איז פאָרגעקומען אַ מאָביליזאַציע, אָבער קיין זייטיקער מענטש האָט ניט געוואוסט דערפון, עס כמעט ניט באַמערקט און ניט באַגריפן... וואו זיינען די „עשאַלאָנען"? און די געווייגען פון די פאַרלאָזענע משפחות?

שטילערהייט פאַרשווינדן די טאַטעס מיט די זין. זיי שטעלן זיך צו אַהין — וואו מ'וואַרט אויף זיי...

עפּעס ווי אַ געהיימע האַנט אין דער באַכטיקער שעה וואָלט זיך אויסגעשטרעקט און מיט צערטלעכקייט אַ וואונק געטאָן צו יעדן רעזערוויסט: „קום, ברודער לעבן, היינט איז דער טאָג..." און אין אַ שעה אַרום וועט ער שוין זיי ערגעץ־וואו דאָרטן — אי־שם, ביי זיין רעגימענט מיט זיין קאָמאַנדיר...

אָט שטייט אַ רעדל ביי אַ צייטונגס־געשטעל. מען הערט זיך צו צו דער ראַדיאָ, איבער וואָס עס ווערט דערציילט, אַז היינט וועלן זיך צונויפקלייבן די מיטגלידער פון די שועלי שמשון (שמשונס פוקסן), אַריות הנגב (די לייבן פון נגב) און נאָך אַזוינע „נעמען פון דער הפטורה."

וועמען רופט מען עס? מיטגלידער פון קלובן? די סאָלדאַטן פון דער אַרמיי? איר ווייסט ניט.

אָבער דער צייטונגס־פאַרקויפער ווייסט שוין יאָ. פּאַקט ער איין זיין סחורה, פאַרמאַכט זיין געוועלבל, און גייט אַוועק...

אַ טאַקסימאַן האָבן מיר באַשטעלט ער זאָל אונדז מאָרגן אין דער פרי פירן קיין חיפה. איז ער איבער נאַכט פאַרשוואונדן. אַוועק צו דעם אי־שם. ער איז צוזאַמען מיט זיין אויטאָ נעלם געוואָרן...

אָוונט. מיר פאָרן פון פתח תקוה קיין תל־אביב. בעט ביי אונדז דער שאָפער דערלויבעניש אָפּצושטייגן אין אַ זייטיק געסל. דאָרט וואוינט זיינער אַ פריינד, וואָס איז אַוועק היינט פאַרטאָג און מען הערט ניט פון אים. וויל ער וויסן: אפשר האָט זיין פרוי שוין באַקומען אַ ידיעה פון אים.

די גאַסן ווערן שטילער. די „טראַפיק" — כמעט ווי אָפּגעשטעלט.

באַקאַנטע פרעגן: „איר פאָרט ניט אַהיים? אַלע טוריסטן צעפאָרן זיך דאָך..."

„מיר בלייבן..."

„איר האָט גאָר ניט קיין מורא?“

„אויב ישראל איז אין סכנה, האָט אַ ייד ניט וואוהין צו לויפן!...“

וואָס שטייט מען דאָרט אין דער ריי? מ׳גרייט זיך אָן מיט פּראָדוקטן?

ניין, דאָס קויפט מען זיך איין טונקעלע בויגנס פּאַפּיר — צו פאַרשטעלן די פענצטער ווען תל־אביב וועט אויסלעשן אַלע ליכט...

איינגעקויפט, טראָגט מען זיי, ווי מגילות, אַהיים.

* * *

מאָנטאג פאַרטאָג, כ״ז אייר. אַ סירענע האָט זיך צעשריגן. תל־אביב איז אַראָפּ אין די שוץ־גראָבנס...

בנעורינו ובזקנינו איז מען געגאַנגען — אַלט און יונג. אפילו די קליינע קינדער ווייסן שוין דעם וועג.

אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר 2-3 איז מיט אונדז געגאַנגען. זיין באָבע האָט אים געפירט פאַר אַ הענטעלע. ער האָט געקוקט אויף איר מיט זיינע קלוגע אויגעלעך און געשמייכלט — ווי איינער זאָגט: „וואָס דאגהסטו? ס׳איז ביי דיר אַ נייעס?...“

אַראָפּגעקומען אין שוצגראָבן, האָט ער זיך זיין ווינקל וואו ער לייגט זיך אַנידער מיטן פּנים אַרויף, שטעקט אַריין אַ פינגער אין מויל, און עס איז אים גוט ווי די וועלט!

שוין אַ היפּשע ווילע ווי מיר זיצן אַזוי אין קעלער און מ׳הערט גאָרנישט. קיינע אויפרייסן, קיין גערויש פון עראָפּלאַנען. וואו איז די מלחמה?...

דער קול ישראל זאָגט אָן: סיריער עראָפּלאַנען האַלטן אין איין באָמבאַרדירן די ישובים אין גליל... און אונדזערע פליער וואו זיינען?... עפּעס געפעלט אונדז ניט גאַנצע סטראַטעגיע...

שאַ, עס פייפט שוין ווידער די סירענע. אַ סימן אַז מ׳קען שוין אַרויסגיין. אין גאַס איז רואיק. דער תימנער פרוכטהענדלער פאָרט מיטן וועגעלע: „שזיפים! תפוחי ים!“

דער ייד מיטן טראַנזיסטער ביים אויער קומט צולויפן: „ש־ש־ש... שקט... בבקשה, שקט!“ וואָס איז? וואָס הערט ער דאָרטן? „ש־ש־ש... הערט דעם קול ישראל!“...

„אונדזערע לופט־קרעפטן האָבן צעשמעטערט דעם גאַנצן עגיפּטישן לופט־פלאָט... קיין איין עראָפּלאַן ניט איבערגעלאָזט... אונדזערע טאַנקן יאָגן די עגיפּטער אין די וויסטענישן פון סיני, אויפן וועג צום סועץ“...

— נו, אויב אַזוי, ייִנגעלע, נעם אַרויס דעם פינגער פון מויל, און לאָמיר דיך גוט אָנקושן... דו פאַרשטייסט, זונעלע, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען? דיינע חברים־לעך פון צה״ל האָבן די גאַנצע מלחמה פון אונדז צוגענומען, דערפאַר איז ביי אונדז דאָ אַזוי שטיל... דו פאַרשטייסט? ניין? איך פאַרשטיי אויך נישט...

* * *

און הגם דער נצחון אונדזערער איז געקומען אין ניט מער ווי אַ פּאָר שעה, האָט אָבער די מלחמה געדויערט גאַנצע זעקס טעג... מ׳האָט נאָך ירושלים געדאַרפט באַפרייען, דעם כותל המערבי אַרויסנעמען פון גויאישע הענט, און רחלס קבר, און מערת המכפלה... און דאָרטן אין צפון, ביים הר תבור איז געשטאַנען און געוואַרט דער סירישער עמלק...

זיינען דאָס געווען זעקס טעג וואָס האָבן איבערגעאַנדערשט פאַר אונדז די מעשי בראשית...

דאָס לאַנד ישראל איז גרעסער, רחבות־דיקער געוואָרן, און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל — העכער און שענער געוואָרן...

מיר האָבן גאָר ניט געוואוסט וויפיל געטרייע יידן עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט!

און ווען האָט זיך עס געחלומט אַז אונדזער אַרמיי וועט מיט איר גבורה אויפטרייסלען אַ וועלט?...

אין דער וואָך האָט די וועלט פון זיך אַראָפּגעוואַשן אַ סך זינד, און דאָס פאָלק ישראל האָט צוריק באַקומען די גדולה און די שיינקייט נאָך וועלכע עס האָט צוויי טויזנט יאָר געבענקט.

ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ נייע ארץ־ישראל פאַר דער וואָך צייט! איצט קענסטו זיך אַריינזעצן אין אַן אויטאָמאָביל און פאָרן, און פאָרן... קיין גרעניצן קומען דיר ניט אַנטקעגן יעדע מינוט; קיין דראָט־פאַרצוימונגען האַלטן דיך ניט אָפּ... פאָר, ברודערקע, און באַטראַכט די ווייטע האָריזאָנטן! זעטיק דיינע אויגן מיט די פּראַכט־פולע קאַלירן און די כישוף־לאַנדשאַפטן פון אונדזער באַפרייטן לאַנד! אין דער פריי



גיי אַרויף און באַגריס דעם כותל המערבי, פון דאָרטן טו אַ שפּרונג צום הר הצופים, פון וואַנען עס ציען זיך וועגן קיין חברון, קיין בית לחם... גיי אַריין און באַגריס מאַמע רחל און בעט איר ניט צו וויינען מער— איצט איז די שעה פון נאַסערס געוויין...

און פון דעם קבר רחל אַרויס זעסטו ווי עס ציען זיך וועגן אין דער ווייטקייט. רייטסטו אַוועק אַהין אויף אַן אייביקן חלום וואָס ליגט ביי דיר טיף פאַרוואָרצלט אין דער נשמה...

און מיט אַמאָל ווערסטו אַריינגעצויגן אין אַ שטילער תפילה:

„נחמו נחמו, עמי — טרייסט זיך, טרייסט זיך, מיין פאָלק!“

די נבואה פון דורות איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. עס איז מקוים געוואָרן די שבועה:

„אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני“...<br>
מיר האָבן דיך ניט פאַרגעסן, ירושלים אונדזערע, די הייליקע, די שיינע...<br>
די טויערן פון ציון שטייען אָפן,<br>
און די וועגן צום כותל מערבי זיינען פריי!

וואויל איז אונדז, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו דערלעבן די גרויסע, די אויסגעבענקטע און אויסגעהאָפטע שעה!

---

**אבֿרהם לעוו** / גבעת השלשה, ישראל

## אויף מאָרגן נאָך דער שלאַכט

די יונגע מאַמעס — וויינען נאָך די מענער,<br>
די אַלטע מאַמעס — וויינען נאָך די זין.<br>
באַפּוצט די אָרונס מיט נצחון־פענער,<br>
מיט בלומען און מיט גרינס.

דאָ ליגן די וואונדערלעכע קריגער,<br>
וואָס האָבן פאַרן לאַנד געקעמפט מיט מוט;<br>
נאָר ווי איז אים אַליין דעם זיגער,<br>
וואָס אָפּגעגאַנגען איז מיט בלוט.

עס רוישט דאָס לאַנד און יובלט מיט נצחון,<br>
די גרויסע שמחה העכער, העכער שטייגט.<br>
ביים אָרון שטייט אַן אַלטע מאַמע איינגעבראָכן,<br>
אַ יונגע מאַמע שטייט און שווייגט.

נאָר אירע טרערן רינען, שטילע טרערן,<br>
ווי שעמען וואָלט זי זיך מיט איר געוויין —<br>
זי וויל די שמחה פון איר פאָלק ניט שטערן:<br>
פאַר דעם נצחון איז איר קרבן קליין...

אַזוי־אָ טראַכט די יונגינקע אַלמנה,<br>
וואָס ווי אַ ווערבע איינגעבויגן שטייט.<br>
נאָר איך, איך שעם זיך קוקן אין איר פּנים,<br>
ווי ס׳אומגליק אירס — געווען וואָלט אונדזער פרייד.

נתן יונתן / ישראל

# קונסט ווי די פעלד־אַרבעט פון גייסט

די בענקונג פונעם מענטשן נאָכן פאַרלוירענעם גן־עדן, די בענקונג נאָך אַ לעבן אָן טויט, נאָך פרוכטן אָן מי, נאָך ליבע אָן אייפערזוכט, נאָך געבורט אָן ווייען, נאָך גליק אָן צער — דאָס אַלץ זיינען בענקשאַפטן סתם אין דער וועלט אַריין, אָן שום ממשות.

דער טעם און דער תהום פון געזאַנג פונעם מענטש אויף דער ערד ליגן אין דער טיף פון די ליידן, אין דער גזירה פונעם גורל, אַז ברויט פון דער ערד זאָלסטו אַרויסבאַקומען מיט ביטערן שוויס, אַז קינדער זאָלסטו געבוירן אין ווייען, אַז געניסן זאָלסטו פון די פירות פונעם בוים, וואָס ווייסט גוטס און שלעכטס, אַז זאָלסט זיך תמיד באַוועגן אין כף־הקלע צווישן לעבן און טויט, און אפילו אַז די ווערק פון דיינע הענט זינקען אין ים זאָגסטו שירה.

אַזוי האָט דאָך געזונגען דער אַנאָנימער זינגער פון תהילים: „אפילו אַז איך גיי אין טאָל פון טויטשאָטן, האָב איך ניט מורא פאַר בייז.“ און אַזוי האָט דאָך דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן געשריבן מיטן בלוט פון זיין האַרץ דאָס „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק“ און האָט עס אַריינגעפּאַקט אין אַ פלאַש און עס אַריינגעשליידערט אין דער צעשטורעמטער צייט, בכדי צו ראַטעווען דאָס ליד פונעם פאָלק, וואָס גייט אָפּ אין בלוט.

„אַליין גייט און וויינט דער וואָס טראָגט דעם אויסשיט פון זריעה.“ אויך דער דיכטער, ווי דער פויער, גייט און וויינט בעת ער פאַרשפּרייט דעם אויסשיט פון זיין זריעה, און ווי ער — דער זעלביקער שניטער ווי בעתן אַקערן, און אויך דאָס געוויין — בעת ער איז מפקיר די לעצטע זוימען אין שויס פון דער ערד און וואַרט אויף רחמים פון די הימלען, און דער זעלביקער פרילינג־פחד בעתן שפּראָצן און בליִען, און דאָס געזאַנג בעתן בינדן די סנאָפּעס, און דערנאָך: דער זעלביקער אויפהער, און דער זעלביקער בלעטערפאַל, און ווידער אַקערן און ווידער געוויין. אַ פאַרבאָרגענע פאַרברידערונג צווישן פויער און דיכטער.

קונסט איז די פעלד־אַרבעט פון גייסט. שוין בעת ער הערט זיך צו צום גערויש פון זיין האַרץ און נשמה, לייגט דער קינסטלער צו זיין אויער און שטאַרצט־אויס דאָס אויג צו דעם אַלוועלט: צום שטילקלאַנג פונעם פעלד און צו די הייכן וואו די ביימער־קרוינען דערציילן אויס דעם קאַלטן ווינט זייער לעבן.

נישט פאַראַן קיין קונסט וואָס פאַרמאָגט נישט אין זיך די שאַפונגס־שותפות פון צווישן מענטש און נאַטור. דער גאַנצער כוח און די גאַנצע שיינקייט פון דער קונסט באַשטייט פון דער חכמה פון מענטש צו בויען זיינע גייסטיקע ווערק פון שטיין און פון זון, פון רעגן, ווינט און ליכט. אַלץ וואָס גייט אַריין אין אומזאַץ פון דער ריזיקער נאַטור: אָפּגאַנג און אויפשטייג, וועלקן און שפּראָצן, אַלץ וואָס געהערט דער נאַטור — איז אומשטערבלעך. עס זינקט און ווערט צעשמעטערט און דערהייבט זיך ווידער ווי אַ כוואַליע צווישן די אָן אַ שיעור לעבנס־כוואַליעס וואָס פליסן אייביק.

מ'זאָגט אויף דער קונסט, אַז זי איז אַ שפּיגל פון לעבן. ס'איז אַזוי און נאָך מער: — זי איז אַ טייל פונעם לעבן וואָס שניידט זיך דורך אַוועג און רייסט זיך אַריין אין דעם לעבנס בלוט־צירקולירונג און ווערט אַ טייל פונעם מענטשנס געפילן, געדאַנקען און מעשים.

דער וועג פון לעבן צו דער ליטעראַטור



און פון דער ליטעראַטור צום לעבן איז ווי דער ווייזער וואָס דערהייבט און נידערט אַראָפּ די ליטעראַטור פון דער וועלט, נאָר די דאָזיקע באַוועגונג פון צווישן דעם לעבן און דער ליטעראַטור איז אכזריות־דיק און פול מיט געפאַרן.

אַז אַזאַ מענטש ווי ברענער האָט געמאַכט זיין עקסקורסיע אין דעם אַלטן מענדעלעס ווערק, האָט ער דערגרייכט, ווי דורך אַ העכערער נויטווענדיקייט, צו יענעם מאָמענט אין וועלכן, ווי עס זאָגט דער דיכטער, עס ענדיקט זיך די קונסט און עס אָטעמען גורל און ערד. דאָרט וואו דער קינסטלער דרינגט אַריין אינעם עצם לעבן אַ דאַנק זיין ליטעראַרישער אויסשטראַלונג, זאָגט ער דאַן, ברענער: „זאָל די לאָגיק אָפּפרעגן וויפיל זי וויל, דער לעבנסדורשט אין אונדז זאָגט: אַלץ איז מעגלעך. דער איבערפלוס פון וואַרעמקייט וואָס אין אונדז, שעפּטשעט אונדז האָפענונג: אַרבעטער־זידלונגען, מושבי פועלים — דאָס איז אונדזער רעוואָלוציע, די איין־און־איינציקע.“ דאָס איז די גרענעץ פון דער קונסט פון וועלכער עס איז דאָ נאָר איין אָרט וואוהין זיך אַ לאָז צו טאָן — צו דערווירקלעכקייט, צו דער מענטשלעכער טאַט.

און נישט ווייניקער רעוואָלוציאָנער איז דאָס וואַרפן זיך פון דער קונסט פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון ברויט, אינסטינקטן און ערד, צו די אין־סופיקע ווייטן פון געפיל, פאַנטאַזיע און טרוים. וויפיל קינסטלער האָבן פאַרלוירן זייער פאַרשטאַנד אין דער דאָזיקער אַוואַנטורע! וויפיל קינסטלער זיינען אַרויס צו אָט־די ווייטן און האָבן נישט זוכה געווען צוריקצוקומען צו דער אויבערפלאַך פון דער מענטשלעכער ערד, וואָס איז אַזוי צעברעכבאַר און דערביי די איין־און־איינציקע וואָס דערמעגלעכט דעם מענטש דאָס שטיין און דאָס גיין!

און נישט געקוקט אויף די אַלע געפאַרן וועט תמיד דער מענטש זיך באַוועגן און דער גייסט פון דעם קינסטלער וועט וואַנדערן פון דער ווירקלעכקייט צום חלום און פון חלום צו דער ווירקלעכקייט, פון אַקער צו דער שירה און פון דער שירה צום אַקער.

נישטאָ קיין קיום און קיין אייביקייט פאַר דער קונסט, נייערט אין דעם אויפהאַלטן די אומאויפהערלעכע צוגעבונדקייט צו דער ממשותדיקער, לעבעדיקער און זיך ענדערנדיקער וועלט. ניט ריכטיק אַז די קונסט ווי אַזוינס איז אייביק. ס'איז ביטערער אמת, אַז טאָג־טעגלעך דראָעט דער טויט דער קונסט און דער שאַפונג. און אפילו די גרעסטע שאַפונג פון מענטשלעכן גייסט איז שטערבלעך, און בכדי זי זאָל דערוואַכן צוריק צום לעבן, מוז זי אָנקומען צו דעם צויבערבאַריר פון לעבעדיקע לעפּצן, צו אָט־דער אַריינהויכונג פון מויל צו מויל, וואָס קערט זי אום צום לעבן.

דאָס געזאַנג פון דער אָדיסייע איז אייביק, ווייל ער קערט זיך נאָך אים יעדער דור צו זיך אַהיים פון די גרויליקסטע מלחמות, און אויפן וועג אַהיים גייט ער דורך די שטורמישע וואַסערן פון קעלט און איינזאַמקייט, פון פרעמדקייט און טרויער, און שלאָגט זיך דורך מיט די לעצטע כוחות, אין שמאָלן דורכגאַנג צווישן זיין סצילע און כאַריבדע, דער וועג צו זיין אַלטער היים, צו זיין ערשטער ליבע, צו זיין פענעלאָפּע. יעדער דור צו זיין אָדיסייע.

דאָס געזאַנג וועגן קין און הבל איז אייביק, ווייל יעדער מענטש טראָגט אין זיך די אַנטוישונג און די דערנידערונג פון קין, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן זיך אָנגעשטרענגט און געמיט, און זיין מתנה איז ניט אָנגענומען געוואָרן. און יעדער מענטש טראָגט אין זיך די שולד פאַר הבלס טויט, און זיין בלוט שרייט און שרייט צו אונדז

פון דער ערד. יעדערער מיט זיין קין, יעדערער מיט זיין הבל. דאָס איז די אייביקייט פון דער קונסט.

נישט צו פאַרווילונגען ציט דאָס האַרץ פונעם קינסטלער, און נישט פונעם טרויער וויל ער אַנטלויפן. ראָבערט פראָסט, דער אַמעריקאַנער דיכטער, זאָגט: „איך פרעגט, צוליב וואָס דיכטונג? זי איז באַשטימט אַרויסצוברענגען דעם טרויער און די נויט פון העכערע הייכן, ניט בכדי פון זיי פּטור צו ווערן. דיכטונג מיינט נישט אויסצוואָרצלען די נויט וואָס איז אַ טייל פון לעבן; אָט דעם טרויער וואָס די פילסט בעת דו דערגרייכסט צום ברעג און אויפגעהויבן אויף דיינע אָרעמס ווי זיי וואָלטן געווען פליגל, טראָגסטו אים אויף דיינע אָרעמס צום ניט זיין! — מיט דיינע אָרעמס אָנשטאָט פליגל!“

דאָס איז דאָס מענטשלעכע וואָס אין איר; זי קלעפּט ניט צו קיין פאַלשע פליגל, זי זאָגט נישט צו דעם מענטש אַ לייכטן אָפּלי, אָבער זי פאַרמאָגט אַזאַ כוח, וואָס לערנט דיך זיך צו דערהייבן אין אירע דינע, צעבראָכבאַרע אָרעמס צום הלל., צו נשמהדיקייט, דערהויבונג, צו גייסטיקער גרויסקייט.

אויב דאָס לעבן איז אַ ווירקלעכקייט, איז די דיכטונג איר חלום, און דאָס לעבן פון קינסטלער באַוועגט זיך צווישן חלום און דער ווירקלעכקייט. זיין באַרימט בוך „אַלטנייאַלאַנד“ ענדיקט הערצל מיט די ווייטערדיקע ווערטער: „און אויב איר וועט נישט וועלן, איז דאָס אַלץ וואָס איך האָב אייך דערציילט, אַ לעגענדע“—אָבער אויך דער חלום איז אַ שיינער עלעמענט אויף אָנצופילן מיט אים אונדזער לעבן אויף דער דאָזיקער ערד. חלום און טאַט זיינען נישט אַזוי אַנדערשדיק ווי ס'איז אָנגענומען צו מיינען, ווייל אַלע טואונגען פון מענטש שטאַמען אַרויס פונעם טרוים און צום טרוים קערן זיי זיך אום.

און וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, ליגט אויך אין דעם דאָזיקן געדאַנק, אין דער דאָזיקער פאַרבינדונג צווישן דער ווירקלעכקייט און דעם חלום, צווישן דעם פויער און דעם דיכטער, און אפשר וועט זיין נאָך ריכטיקער צו זאָגן: צווישן דעם פויער וואָס אין דיכטער און דעם דיכטער וואָס אין פויער—דאָס צוזאַמען בילדן זיי דאָס לעבן אין זיין פולער קראַפט, פולן טרויער און פולער שיינקייט.

יידיש: י. א.

דוד ספּאַרד / וואַרשע

# רצחת וגם ירשת

דאָ איז קיינער מער נישטאָ.
די שאָטנס אין דער רחמים־שעה
פונעם פריאיקן פאַרטאָג
האָט אַ הייסע זון פאַריאָגט
אויף אַ ווייטער ערד
פון חלום אויף דער וואָר
און דעם לעצטן שפור
האָט אַ בייזער ווינט פאַרקערט
מיט אַ פייערדיקן קרוין
אויף אייביק שוין

אינעם ים פון שוואַרצן רויך.
נאָר די פונקען גילדענע פון מוח —
אונדזער גאַנצער פאַרמעג —
האָבן פרעמדע צונויפגעקליבן
פון אונטער אויסגעברענטע טעג
פאַראַשטע
און נישט געציילט
צווישן זיך אין איילעניש צעטיילט,
ווי אין שריפטן הייליקע באַשריבן —
רצחת וגם ירשת.



ז. בונין

# צוויי לידער

## דורך ים־בלויע הימלען

דורך ים־בלויע הימלען, דורך זילבערנע וואָלקנס,
עס ווערן מרחקים פאַרשלונגען פון „דזשעט“.
און לאַנדשאַפטן אונטן, צעאַקערט ווי שרונטן,
טוליען זיך, נעסטלען צו דערפער און שטעט.

איך טראָג זיך אויף כוואַליעס פון הימלשע הויכן,
אויף אָדלערשע פליגלען פון שטאָלענעם ריז.
שיקאַגאָ, מאָנטרעאַל, און איבער אַטלאַנטיק,
און אָט, מיר דערנענטערן זיך צו פאַריז.

פאַריז איז אַוודאי דער מקור פון פרייהייט,
די היים פון וואָלטעיר, און פון פראַנס אַנאַטאָל.
נאָר ס'פלאַטערט מיין האַרץ ווי אַ זעגל אין שטורעם,
צו גרייכן וואָס גיכער דאָס לאַנד פון ישראל.

אָ, לאַנד פון ישראל, דו טרוים פון מיין קינדהייט,
ניט איין מאָל האָב איך דיך אין חלום געזען!
אין אונדזער צעזייט און צעשפרייט זיין דורך דורות,
אין אונדז און מיט אונדז ביזט אין גלות געווען!

## דורך וועלכן זכות

עס איז געווען מיין זיידנ'ס
גרעסטער וואונטש און שענסטער חלום,
ווען אויסלעשן וועט זיך דאָס ליכט
פון זיינע אויגן,
מען זאָל אים
אין זיין לעצטער היים
אַ זעקל ארץ־ישראל ערד
צוקאָפּנס לייגן.

און מיין טאַטע —
אויף אַ פאַרוואָרפן ווינקל
אין זיין אוקריינישער כאַטע,
האָט דורך די נעכט
ביים אָפּריכטן חצות,
און ביים „על נהרות בבל“ זאָגן,
אונדזער צוויי טויזנט יאָריקן חורבן
ניט אויפגעהערט צו באַקלאָגן.

און איך —
דורך וועלכן זכות בין איך עס זוכה
אויף פליגלען פון אַלומינום און שטאָל
אין רוים צו פליען
צו אונדזער גלאָררייכן אַמאָל,
צו ירושלים. ירושלים!!!
צו דורות־לאַנג
אויסגעבענקטן ציון!

שמואל יוסף עגנון / ירושלים
יידיש: א. אלמוג

# מיט מיין האַרץ

צו שולמית דער שענסטער מיידל האָב אים געוואָלט דיכטן אַ ליד, ווייל כ'האָב זי מער ליב ווי אַלע טעכטער פון מיין פאָלק. און איצט, אַז עס האַלט פאַר שולמיתעס געבורטסטאָג, האָב איך מיר געטראַכט, לאָמיך פאַרפאַסן אַ שיר צו שולמית און אים פאַרצירן מיט גראַמען, וואָרום דיכטער טוען דאָך אַזוי מיט זייערע לידער.

בין איך געגאַנגען צו די גראַמען און געזאָגט צו זיי: הערט מיך אויס, גראַמען, אָט האַלט איך אין שרייבן אַ שיר צו שולמית דער שענסטער מיידל, און בין געקומען צו אייך, אַז איר זאָלט מיר אויסלייען אַ צוויי־דריי פערל־גראַמען צום ליד, וואָס כ'האַלט אין שאַפן צו איר געבורטסטאָג.

האָבן די גראַמען מיר געענטפערט: עס איז גוט וואָס דו באַגערסט צו טאָן. גיי־זשע און ברענג אונדז די ווערטער און מיר וועלן דיר שוין געבן די גראַמען, ווי דיין האַרץ גלוסט וועלן מיר דיר געבן פערל־גראַמען, און דו זאָלסט טאָן ווי דיר געפעלט.

בין איך געגאַנגען צו די ווערטער און געזאָגט צו זיי: באַגערן האָב איך באַגערט צו שאַפן אַ שיר צו שולמית און בין געגאַנגען צו די גראַמען, אַז די גראַמען זאָלן מיר שענקען אַ צוויי־דריי גראַמען, און איצט בין איך געקומען צו אייך, ווערטער, לייט מיר ווערטער פאַרן ליד, וואָס איך וויל שאַפן צום געבורטסטאָג פון שולמית !

האָבן די ווערטער מיך אויסגעהערט און געזאָגט: עס איז אַ גוטע עצה, וואָס די גראַמען האָבן דיר געגעבן, וואָרום אָן אַ וואָרט איז גאָר נישטאָ, מחמת דער ראש פון יעדער זאַך זיינען מיר, די ווערטער, און ווען עס פעלן ווערטער, טויג די זאַך נישט. גיי־זשע צום קאָפּ. אפשר וועט ער דיר געבן רעיון, וועלן מיר דיר געבן ווערטער, וועסטו גיין מיט די ווערטער צו די גראַמען, אַזוי אַרום וועסטו שוין פאַרפאַסן דאָס דאָזיקע ליד שולמיתן צום געבורטסטאָג.

געקומען צום קאָפּ, האָב איך אים דאָס אַלץ דערציילט. דער קאָפּ האָט אָבער נישט געוואָלט גיין מיט מיר, וואָרום ער האָט געזאָגט, אַז עס פאַסט נישט פאַר קיין דערוואַקסענעם מענטש צו דיכטן לידער. און וואָס גראַד איצט?

איך אָבער האָב אים נישט אָפּגעלאָזט. האָב אים אַזוי געבעטן אַזש זיך צו שעמען ביז ער האָט האָט באַוויליקט צו גיין מיט מיר צו איינעם פון די רעיונות, כדי ער זאָל זיין מיט מיר ווען כ'גיי צו די ווערטער און צו די גראַמען צו שאַפן אַ שיר פאַר שולמית, דער שענסטער מיידל.

געגאַנגען און געקומען צו רעיון, געפינען מיר אים זיצן צווישן חכמים און זקנים. זאָג איך צום רעיון: אָט דערנענטערט זיך שולמיתעס געבורטסטאָג. זע, איך באַגער צו שאַפן אַ שיר צו שולמית. בין געווען ביי די גראַמען און ביי די ווערטער און זיי האָבן מיך געשיקט צום קאָפּ, אַז ער זאָל מיר זיין אַ מויל פאַר דיר ביים דיכטן דאָס ליד, כדי דו זאָלסט גיין מיט מיר צו די ווערטער און צו די גראַמען. בעט איך דיך איצט, מיין רעיון, צו גיין מיט מיר.

האָט דער רעיון מיר געענטפערט און געזאָגט: זאָל איך איבערלאָזן מיין אָרט ביי די זקנים און חכמים און גיין אַרומוואַנדערן איבער ווערטער און גראַמען? און דער רעיון האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט מיר צו די ווערטער און גראַמען, כדי די ווערטער זאָלן מיר געבן ווערטער און די גראַמען גראַמען פאַרן ליד, וואָס איך באַגער צו פאַרפאַסן פאַר דער שיינער שולמית, וועמען איך האָב ליב.

כ'בין אַוועק פונעם רעיון זייער טרויעריק, וואָרום כ'האָב באַגערט צו שאַפן אַ שיר צו שולמית צו איר געבורטסטאָג. און דער רעיון איז נישט געגאַנגען מיט מיר צו די ווערטער און צו די גראַמען, אַז איך זאָל דיכטן דאָס ליד.



האָט מיך באַגעגנט מיין האַרץ און געזען ווי טרויעריק איך בין. זאָגט מיין האַרץ צו מיר, וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? דערצייל איך מיין האַרץ, אַז כ'בין געגאַנגען צו די גראַמען און זיי האָבן מיך געשיקט צו די ווערטער און די ווערטער האָבן מיך געשיקט צום רעיון און דער רעיון האָט מיך אַוועקגעשיקט מיט גאָרנישט, אָפּזאָגנדיק זיך צו גיין מיט מיר. און איך האָב דאָך אַזוי באַגערט צו שאַפן אַ שיר צו שולמית, דער שענסטער מיידל צו איר געבורטסטאָג. ווי אַזוי־זשע וועל איך איצט שאַפן דעם שיר און ווי אַזוי וועל איך מיך אומקערן צו די ווערטער און צו די גראַמען, אַז דער רעיון איז נישט מיט מיר?

מיין האַרץ האָט עס איינגעזען און געזאָגט, איך וועל זיין מיט דיין מויל און וועסט שאַפן אַ שיר צו שולמית דער שענסטער מיידל צו איר געבורטסטאָג, וואָרום איך האָב ליב שולמית און אויך דיינע לידער.

בשעת עס האָט גערעדט מיט מיר האָט עס אָנגערירט מיין מויל. און איך האָב געשאַפן אַ שיר צו שולמית דער שענסטער מיידל צו איר געבורטסטאָג, ווי איך האָב נאָך ביז דעמאָלט נישט געשריבן קיין שירים, מיט רעיון און מיט ווערטער און מיט גראַמען, וואָרום מיין האַרץ איז געווען מיט מיר און מיט מיין מויל.

ל'וי גאָלדבערג / ניו־יאָרק

# מ ע נ ט ש

מיט טויזנט רינגען האַלט די וועלט דיך צוגעקייט צו זיך,
ווי קענסטו דען זיך אָפּרייסן פון איר אָן בלוטונג פון אַ וואונד?
וועסטו שוין ווייטער דאַרפן בלייבן אין דעם אויפגעקייטן בונד
כדי אייביק די באַשערטקייט טראָגן פון דיין גורלדיקן א י ך.

אין יעדן פרעמדן זעסטו נאָר די אָפּשפּיגלונג פון זיך,
ווי אין אַ ברונעם, צי אַ טייך, אַוואו מען שפּיגלט זיך צומאָל;
פון פרעמדנס פּנים, זיך דערקענסטו, ווי אַן עכאָ־קול;
דו דערמאַנסט זיין וויי, וואָס ווי אַ וואונד, אויך אייטערט דיך.

וועלטס פרייד איז אַ מיראַזש, אַ שטראַל וואָס שפּיגלט זיך
אין אַ שפּליטער־גלאָז. — צי איז עס דען אויף מענטש אַליין?
און ווען שקיעה ברענט — צי הערסטו ניט דעם בלוט־געוויין
פון דאָרט, וואו דער שרויט פון הימל איצטער מבולט גיך?...

און גאָט זאָגט: — נעם אַ שטעקן, טו אָן אַ גאַרטל אויף דיין דיך,
און וואו דו זעסט די וועלט ווערט חרוב, מיט הילף צו איר דערקריך.

ווערט אַ מיטגליד פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

**פינטשע בערמאַן**

## צוויי לידער

### מיין פאַרלאָרענער טרוים

איך וואָגל און וואַנדער אויף זומפּיקע וועגן,
מיט וואָלקן אויף ברעמען און בליי אין די טריט —
עס קומען מיר דאָרטן נאָר ווינטן אַנטקעגן,
און וואָגלען ווי איך, און זיי וואַנדערן מיט.

מיט פּיין אין מיין אָטעם און ווי אין די גלידער,
עס זוכט וואו אַן אָפּרו מיין אומרואיק האַרץ —
קיין שאָטן, קיין בליטן, קיין גראָז און, אַ מידער,
איך וואַנדער און וואַנדער אין חושך און שוואַרץ.

איך טרעף־אָן אַ וואָגלער אַמאָל אין די וועגן,
ווי איך אַזוי עלנט, צעבראָכן און מיד—
אין זומפּ און אין ווינטן, אין טוי און אין רעגן,
מיר וויינען אויס ביידע אין וועג אונדזער ליד.

עס בלאָנדזשעט מיין בליק אין די אויבערשטע ספערן
פון בייזן, פאַרכמורעטן הימלשן רוים :
ווער ווייסט, אפשר צווישן די פאַרלאָשענע שטערן
עס וואַנדערט, ווי איך, מיין פאַרלאָרענער טרוים...

### כ׳האָב געהאָפט...

כ׳האָב געהאָפט און געגלייבט, און געליבט,
און בטחון געהאַט אָן אַ שיער—
פאַרוואָס איז מיין נשמה באַטריבט ?
און עס טרויערט מיין אָפענע טיר ?

כ׳האָב שטענדיק נאָר שטראַלן געזוכט,
און שטערן געציילט אין דער נאַכט —
פאַרוואָס אויף מיין ליפּ רוט אַ פלוך?
און מיין געזאַנג פאַר געזאַנג איז פאַרמאַכט?

געווען איז דער טאָג מיר אַ פריינט.
און ס׳פלעגט הייבן די נאַכט מיין געמיט —
פאַרוואָס אַזאַ ביטערער היינט ?
פאַרוואָס פול מיט סם איז מיין ליד?...



**מעינקע קאַץ** / ברוקלין, ניו־יאָרק

## אַ זומער־טאָג אין צפת

אַ טאָג אַזוי ניי, אַזוי האָפערדיק און בלוי,
ווי ס׳וואָלט היינט געווען דער ערשטער טאָג אויף דער וועלט;
נאָר פון צייט צו צייט פליט דורך אַן איינזאַמע קראָ,
ווי צו דערמאָנען פונעם חושך אויף דער וועלט.

צפת. אָוונט. פלעדערמייז פלאַטערן נידעריק אום,
די בלינדקייט פון בעטלער און דערנער טונקלען זיי אויס.
ביים עצמון איז אַ מיידל פון מאָרגן געקומען,
דער אָוונט קושט פון איר גוף די מיידלשע בערגלעך אויס.

נאַכט. אַ רייף לבנה צערייפט די ווייטן פון גליל.
ווי אַ נאַכט־וואַנדלער גייט מיר נאָך מיין אייגענער שאָטן.
דאָס מיידל פון ווייטן דור זוכט איר ליבסטן אין גליל:
איר ליבשאַפט אויף די בערג, אָן אַן איינציקן פלעק, ווי גאָט.

מיט דעם לעצטן שטראַל געזעגנט מיין ליבסטע זיך לאַנג —
און ווי, איז אויף אייביק אין דער נאַכט אַוועקגעגאַנגען.

**מ. גיציס** / שיקאַגע

## דער סך־הכל

ס׳איז גוט אַמאָל אונטערצופירן דעם סך־הכל פון אייגן לעבן.
די פאַרגאַנגענע צייט — אַ קאַוואַלקאַדע געשעענישן,
וואָס פאַרשווינדן אַלץ ווייטער, ווייטער...
ס זעט זיך נאָך דער סילועט פון לעצטן רייטער—
געשעעניש נאָך געשעעניש אין גאַלאָפּ פון שטרעבן.

געשעעניש נאָך געשעעניש אין גאַלאָפּ פון שטרעבן,
נעמען מיט זיך טראָפּייען — אונדזערע טעג און יאָרן;
זיי לייגן זיי ערגעץ אויס פּיראַמידאַל, אַ גאָרן אויף אַ גאָרן,
און דער לעצטער רייטער לאָזט אונדז פון לעצטן גאָרן שוועבן...

איז גוט אַמאָל אונטערצופירן דעם סך־הכל פון אייגן לעבן
און זען, צי ס׳איז כדאי געווען אָפּפערדיק און געדולדיק וועבן
די קאָלירפול־גייסטיקע אוזאָרן פון דער נשמה.
אפשר איז גאָר דער זין פון גייסטרייך לעבן, ווי אין צוועקלאָזער רוטין,
אפשר איז דער באַלאַנס ביים זשעני דער זעלבער ווי ביים שוואַכזיניקן קרעטין
און ס׳איז גאָרניט ווערט צו לאָזן בושעווען אין האַרצן
די טיוול־גאָט מלחמה.

יוסף לעפּטוויטש / לאָנדאָן

## צוויי לידער

### מיין געבוירנטאָג

ווי אַן אָפן בוך ליגט מיין לעבן אָפן.
איך בלעטער פון רעכטס אויף לינקס דאָס בוך,
אַזוי ווי איך בלעטער יעדן טאָג מיין סידור,
וואָס דער טאַטע האָט מיר געגעבן אין מיין בר־מצוה וואָך.

איך מיש צוריק די בלעטער ביזן אָנהייב —
דורך אַלע יאָרן ביז צום ערשטן טאָג
ווען גאָט האָט אין מיינע נאָזלעכער אַריינגעאָטעמט,
און איך האָב גענומען זאָגן מיין זאָג.

כ'האָב שוין געזאָגט מיין זאָג, מיין תפילה פאַרענדיקט,
כ'האָב גאָט פאַר מיין לעבן געזאָגט אַ דאַנק,
ווי אַ מענטש דאַרף דאַנקען פאַר אַזאַ מתנה,
ווי אַ מענטש דאַרף דאַנקען פאַר אַ טייערן געשאַנק.

שטיי איך איצט אָנגעטאָן אין מיין טלית.
ס'איז מנחה־צייט. די זון האַלט שוין ביים ברעג.
ס'איז דער בין־השמשות פון מיין לעבן.
מ'דאַרף זיך גרייטן גיין אין וועג.

די זון נעמט זיך איבער מיין קאָפּ זינקען.
איך שטיי און קוק און כ'טראַכט :
באַלד וועט מען זיך שטעלן דאַוונען מעריב,
און דאַן לייגט מען זיך שלאָפן אין דער נאַכט.

### ווידוי

רבונו של עולם, הער זיך צו
ווי איך רעכן אויס מיינע זינד,
כאָטש דו ווייסט זיי בעסער
ווי איך ווייס זיי אַצינד.

איך דאַרף זיי פאַר דיר ניט דערמאָנען.
נאָר איידער איך גיי,
מוז איך מאַכן אַ חשבון
און דיר באַצאָלן פאַר זיי.

איך בין לאַנג דאָ געווען
אַ גאַסט אין דיין הויז,
מוז איך דערפאַר דיר באַצאָלן
איידער איך גיי אַרויס.

די וועלט וועט בלייבן נאָך מיר
אַזוי ווי זי איז געווען.
פאָטער אין הימל,
איידער איך וועל גיין,

הער אויס מיין ווידוי,
הער אויס מיינע רייד,
לאָמיר צאָלן וואָס איך בין דיר שולדיק,
און גיין רואיקערהייט.



י. א. אבודין / ברוקלין, נ"י.

## מאַרטין בובער—
## זיין חסידות און „איך און דו" פילאָסאָפיע

ווען דאַג האַמערשאָלד, געוועזענער הויפּט־סעקרעטאַר פון יו־ען, איז אומגעקומען דורך דעם טראַגישן עראָפּלאַן אַקצידענט בעת זיין שלום־מיסיע אין קאָנגאָ, האָט מען צווישן פּאַפּירן אין זיין פּאָרטפעל געפונען צוויי בענדער פון מאַרטין בובערס בוך „אין און דו", איינעם אין דייטש און דעם צווייטן אין ענגליש, און דערביי זיינען געלעגן צוועלף געשריבענע זייטלעך פונעם זעלביקן בוך אויף שוועדיש, וואָס האַמערשאָלד האָט אָנגעהויבן איבערצוזעצן.

ס'איז באַקאַנט, אַז האַמערשאָלד, אַליין אַ פּאָעט און מיסטיקער, איז געווען אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון בובערס רעליגיעזער פילאָסאָפיע און ער האָט אין זינען געהאַט איבערצוזעצן דאָס דאָזיקע באַרימטע ווערק אויף שוועדיש בכדי צו געווינען פאַר אים, בובערן, די ליטעראַרישע נאָבעל־פּרעמיע פאַרן יאָר 1961. בובערס פילאָסאָפיש ווערק — „איך און דו" איז אין די ליטעראַרישע קרייזן פון אַ סך פעלקער אַזוי אָנגעזען, אַז דער באַרימטער שרייבער הערמאַן העסע, וואָס ער אַליין איז געווען אַ נאָבעל פּרעמיע געווינער, האָט נאָך אין 1949 פאָרגעשלאָגן, אַז די דאָזיקע פּרעמיע זאָל צוגעטיילט ווערן בובערן, ווייל, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט : „בובער איז ניט נאָר איינער פון די ווייניקע גאונישע מענטשן וואָס לעבן אויף דער ערד, נאָר ער איז אויך דער קינסטלער וואָס האָט באַרייכערט די וועלט־ליטעראַטור מער פון וועמען אַנדערש פון היינטצייטיקע מחברים."

צווישן די אומות העולם ווערט מאַרטין בובער פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע יידישע רעליגיעז־פילאָסאָפישע דענקערס. אַ סך פון זיינע פילצאָליקע אָנהענגערס, באַזונדערס צווישן פּראָטעסטאַנטן, שטעלן אים אויף אַ מדרגה גלייכן צו נביאים און אַנדערע גרויסע מענטשן פון גייסט.

אויך צווישן יידישע לומדישע קרייזן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער פאָרשונג פון חכמת ישראל, ווערט בובער פאַררעכנט פאַר איינעם פון אונדזערע אָריגינעלסטע און פאַרטיפטסטע דענקערס. ער האָט אין זיין פילאָסאָפיע געפרופט פאַראייניקן פאַרשיידענע שיטות און ריכטונגען. ער איז אָבער ניט געווען אַ קאָמפּילאַטאָר, נאָר דורך און דורך שעפעריש. ער איז זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענעם אידייען־גאַנג און האָט אנטוויקלט אַן אייגנאַרטיקע פילאָסאָפישע שיטה, וואָס קלערט אויף דעם טיפן זין פון יידישן קיום, שטעלט דאָס טעאָרעטישע חכמת ישראל אין פאַרבינדונג מיט יידישער זיטלעכקייט אויף אַ מדרגה וואָס איז אוניווערסאַל און וואָס איז מרמז פאַר מענטש — ייד ווי ניט־ייד — דעם וועג איבער וואָס צו טרעטן בכדי צו אַנטפּלעקן דעם טיפן זין פון לעבן.

מאַרטין (מרדכי) בובער (געבוירן אין לעמבערג אין 1878) האָט זיך דערצויגן ביי זיין זיידן, שלמה בובער, וואָס איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, אַ מחבר פון אַ צאָל העברעאישע ספרים, אַ זאַמלער און רעדאַקטאָר פון אַלטע מאַנוסקריפּטן פון מדרשים, הלכה און הגדה. ביי אים האָט זיין אייניקל באַקומען אַ יידיש־טראַדיציאָנעלן חינוך. גלייכצייטיק האָט דער יונגער בובער געקראָגן זיין עלעמענטאַרע וועלטלעכע בילדונג אין אַ פּוילי־

שער גימנאַזיע, און דערנאָך, זיין אַקאַדעמישע בילדונג — אין די דייטשישע אוניווערסיטעטן, פריער אין ווין און דערנאָך אין בערלין. דאָרט האָט ער זיך איינגעלעבט אין דער דייטשער קולטור און איז באַלד אַנערקענט געוואָרן פאַר איינעם פון די גרעסטע מייסטערס פון דער דייטשער שפּראַך.

צוויי גרונט־אידייען האָבן באַהערשט בובערס געמיט פון זיין פריעסטער יוגנט און ביז זיין טויט אין ירושלים אין 1965: יידישער הומאַניזם און ציוניזם אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער געווען אַ קאָנטראָווערסאַלע פיגור — סיי וואָס שייך יידישקייט און סיי אין די ציוניסטישע קרייזן: די לומדישע וועלט האָט אויף אים געצאָרנט מחמת ער האָט אין יידישקייט געשעצט בלויז די עטיק, מיסטיק און אגדה, און זיך באַצויגן מיט גלייכגילט צו הלכה; די ציוניסטישע וועלט האָט צו אים געהאַט תרעומות פאַר זיינע אָפטע אַרויסטרעטן מיט זיין פּראָגראַם פון גייסטיקן ציוניזם און קריטיק איבער די פּאָליטישע און סאָציאַלע ריכטונגען אין ישראל.

תיכף נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1898 ווען בובער איז ערשט אַלט געווען 20 יאָר, איז ער געוואָרן איינער פון דר. הערצלס נאָענטסטע מיטאַרבעטער. הערצל האָט אויף אַזויפיל אָפּגעשאַצט זיינע גרויסע פעאיקייטן, אַז ניט געאַכט אויף זיין יונגשאַפט, האָט ער אים אָנפאַרטרויט צו רעדאַקטירן דעם אָפיציעלן ציוניסטישן אָרגאַן, „די וועלט". אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום זיינען זיך הערצל מיט בובערן פאַנאַנדערגעגאַנגען. בובער איז צוגעשטאַנען צו חיים ווייצמאַן און בערטאָלד פייוול און צוזאַמען מיט זיי געגרינדעט די אַזוי־גערופענע ציוניסטישע דעמאָקראַטישע פראַקציע פאַרן גייסטיקן ציוניזם פון דעם אחד־העם שטייגער — אין אָפּאָזיציע צו הערצלס פּאָליטישן ציוניזם. שפּעטער מיט יאָרן איז ווייצמאַן געוואָרן דער טרעגער פון „פּראַקטישן" ציוניזם, וואָס איז געווען אַ מין המשך פון הערצלס פּאָליטישן ציוניזם, און האָט אויסגעווירקט ביי דער ענגלישער רעגירונג די באַלפור דעקלאַראַציע. בובער אָבער איז אַלע יאָרן געבליבן געטריי די אידייע פון ריין גייסטיקן ציוניזם, אפילו ווען עס איז געווען להיפוך דעם „פּראַקטישן" ציוניזם. מ׳קען זאָגן, אַז וואָס אחד־העם איז געווען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג פון דעם רוסישן יידנטום, איז מאַרטין בובער געווען פאַר דעם מערב־אייראָפּייאישן יידנטום, באַזונדערס אין דייטשלאַנד.

אָבער דער גרעסטער פאַרדינסט פון מאַרטין בובער איז געווען דאָס וואָס ער האָט אַנטפּלעקט פאַר די מערב־אייראָפּעאישע יידן, ווי אויך פאַר דער נישט־יידישער אינטעליגענץ, די שיטה פון חסידות און די אוצרות פון יידישער עטיק. זיינע חסידישע שטודיעס, זיינע צוויי בענדער געזאַמלטע חסידישע מעשיות, זיין איבערדיכטונג פון די מעשיות פון נחמן בראַצלאַווער און שבחי בעל שם טוב, ווי אויך זיינע פילצאָליקע אַנדערע ווערק וועגן חכמת ישראל, האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף יידישע און אויך ניט־יידישע אינטעלעקטועלע קרייזן, פאַר וועמען זיינע ווערק זיינען געווען אַן אַנטפּלעקונג פון דער גרויסער גייסטיקער עשירות פון יידישקייט.

אין זיינע סטודענטישע יאָרן האָט דער יונגער בובער זיך פאַראינטערעסירט מיט מיסטיציזם — דעם מיטלאַלטערלעכן דייטשישן ווי אויך אָריענטאַלישן מיסטיציזם — קבלה און חסידיזם. דאָס האָט ער שטודירט גרינטלעך. וואָס שייך חסידיזם, האָט ער געזוכט פאַרשיידענע אָריגינעלע מקורות, אויך געפירט שמועסן מיט אַלטע חסידים, בכדי אַריינצודרינגען



אינעם עצם פון דעם וואָס חסידיזם שטעלט פאָר מיט זיך. און ווען ער האָט זיך צו דעם עצם דערגרונטעוועט, האָט חסידיזם אים אַזוי באַגייסטערט, אַז ער איז אַליין געוואָרן אַ פייערדיקער חסיד. פאַרשטענדלעך, ניט דאָגמאַטיש נאָר אידייאיש און מעטאַפאָריש. ער האָט געצויגן באַגייסטערונג פון דער פּאָעזיע פון חסידיזם, זיין פאָלקסטימלעכקייט, די ריינע אמונה, התלהבות און מיסטיק. פון דעמאָלט אָן האָט דער חסידישער גייסט און זיין טעאָלאָגיש־פילאָסאָפישער וועלט־באַנעם אינספּירירט און סטימולירט אַלע זיינע שאַפונגען.

אין חסידות און קבלה, אין די מיסטישע איבערלעבונגען פון חסידיזם ביים רבינס טיש, צייכנט אויס בובער דעם עצם פון יידישקייט און יידישן לעבנס־שטייגער און געפינט אין דעם אַ טיפן אינהאַלט פאַרן קיום האומה. ער שעצט ביי חסידים פינף עיקרים:

1) זייער געזעלשאַפטלעך־רעליגיעזע הייליקן צוזאַמענלעבן מיטן צדיק בראש.

2) די אמונה אַז גאָט קאָן דערגרייכט ווערן דורך יעדער האַנדלונג.

3) דאָס דינען גאָט מיט פרייד, דער עיקר דורך פאַרשאַפן פרייד אַ צווייטן.

4) זייער דערקענטעניש אַז די חשיבות פון אַ האַנדלונג איז ניט אַזוי אין אויספיר ווי זי איז אין טאַט, און

5) זייער מיסטיק, וואָס קומט צום אויסדרוק אין צוזאַמענלעבן און בשום אופן ניט אין אַסקעטישער איזאָלאַציע.

בובער דערקלערט דערביי זיין אייגענע מיסטיק, וואָס ער ציט פון חסידות, אַז מ׳קען אין זאַכן אַריינדרינגען מער איידער וואָס מ׳באַנעמט מיט די פיזישע פינף חושים; מ׳קען און מ׳דאַרף אַריין אין דער פנימיותדיקייט פון לעבן און ווערן אַ טייל פון דעם רעאַליטעט גופא. אויף אָט־דעם שטייגער קען מענטש צוקומען צו גאָט, באַהעפטן זיך מיט אים דורך אַלע דערשיינונגען. דאָס געטלעכע אין מענטש ווערט אַרויסגעבראַכט דורך דער באַגעגעניש, וואָס בובער באַצייכנט מיטן טערמין דיאַלאָג, דעם דיאַלאָג צווישן מענטש און מענטש, וואָס פירט דירעקט צו דער באַגעגעניש מיט גאָט.

אַ דיאַלאָג הייסט ניט ביי בובערן אַ געוויינטלעכער שמועס צווישן צוויי מענטשן, נאָר אַ נשמהדיקע, עמאָציאָנעלע באַהעפטונג מיט זייער רעאַליטעט. ער זאָגט: אין אַ דיאַלאָג, דאָס הייסט אין דער איבערלעבונג פון צוויי — א י ך און ד ו, געפינט דער מענטש זיין ציל. זיין האַנדלונג באַקומט אַ קאָסמישן באַטייט. דורך זיין אייגענער האַנדלונג גרייכט מענטש צו דער דערקענטעניש פון גאָט, ווייל דער אַבסאָלוטער קיום, גאָט גופא, קאָן דערקענט ווערן אין מענטש דורך מענטש גופא.

דאָס איז דער עיקר פון בובערס רעליגיעזער פילאָסאָפיע. אָט־די פילאָסאָפיע האָט ער צום ערשטן מאָל אַרויסגעבראַכט אין זיין פריער־דערמאָנטן בוך „איך און דו" (דערשינען אין יאָר 1921), וואָס, ווי געזאָגט, ווערט אַנערקענט ווי איינס פון די וויכטיקסטע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין „איך און דו" ברענגט בובער אַרויס דעם עיקרדיקן געדאַנק, אַז צו דער וועלט זיינען פאַראַן צוויי צוגאַנגען: אַ כלל צוגאַנג — ווען מ׳באַנעמט אַלץ, מענטשן אַריינגערעכנט, פאַר זאַכן פון פערזענלעכן נוץ, מ׳רופט ניט אַרויס — און מ׳איז ניט פאַראינטערעסירט אַרויסצורופן — קיין שום רעאַגירונג פון דער סביבה. אָט־דער צוגאַנג הייסט ביי אים איך און עפּעס („איך און דאָס"), דאָס באַטייט, אַז דער מענטש, זיין עגאָ, האָט ניט קיין שום פאַרבינדונג מיט דער סביבה, ער באַהעפט זיך ניט מיט איר

ווי אַ קיום פאַר זיך; די סביבה ווערט אפילו אין אָט־דער שייכותדיקייט ניט רעגיסטרירט אינעם פאַרשטאַנד. און ווען די סביבה ווערט יאָ געשאַצט איז עס נאָר אויף וויפיל זי ברענגט גענוס צום איך.

דער צווייטער, דער אידעאַלער, צוגאַנג צו דער וועלט און צום מענטש, איז דער, וואָס בובער באַצייכנט מיטן טערמין איך און דו. דער דו מיינט, אַז דער צוגאַנג צו דער סביבה איז ווי אַ פּערזענלעכקייט, וואָס באַטייליקט זיך אין דער באַגעגעניש אויפן זעלביקן שטייגער ווי דער איך. אין אָט־דעם איך און דו־צוגאַנג ווערט די רעאַליטעט ניט אַרויסגעבראַכט דורך דעם איך אַליין און ניט דורך דעם דו אַליין, נייערט דורך זייער באַגעגעניש, דורך זייער פּערזענלעכן צוזאַמענקום (וואו דער עגאָ ווערט אינגאַנצן אויפגעגעבן).

נון, ס'איז אַ האַרבער ענין און ס'איז ניט לייכט צו פאַרשטיין, טוט עס בובער אויפקלערן מיט אַ ביישפּיל פון אַן עפּיזאָד וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט: אויף אַן אסיפה (אין 1914) זיינען זיך צונויפגעקומען גייסטלעכע פון פאַרשיידענע לענדער צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע איינצושטעלן פרידלעכע באַציאונגען צווישן פעלקער. ביים אויסקלייבן מיטגלידער פאַרן קאָמיטעט, האָט אַ גייסטלעכער באַמערקט, אַז אינעם קאָמיטעט זיינען דאָ צופיל יידן. בובער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער באַמערקונג. ער דערציילט: „איך געדענק ניט ווי אַזוי איך האָב אָנגעהויבן צו ריידן וועגן ישו הנוצרי און האָב געזאָגט, אַז מיר, יידן, האָבן אים געקענט פנימיותדיק, לויט די אימפּולסן פון זיין יידישן איך, וואָס איז ניט צוגענגלעך פאַר די פעלקער וואָס האָבן אים אָנגענומען. 'מיר האָבן אים געקענט אויף אַזאַ אופן וואָס איז ניט צוגענגלעך פאַר דיר,' האָב איך געזאָגט דעם גייסטלעכן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אויך איך האָב זיך אויפגעשטעלט. מיר האָבן אַריינגעקוקט איינער אינעם צווייטנס האַרץ דורך די אויגן. 'ס'איז פאַרשוואונדן,' האָט ער געזאָגט, און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער פאַרזאַמלונג האָבן מיר איינער דעם צווייטן געגעבן אַ ברידערלעכן קוש. די דיסקוסיע צווישן דעם ייד און קריסט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בונד צווישן ייד און קריסט. אין דער דאָזיקער טראַנספאָרמאַציע האָט דער דיאַלאָג דערגרייכט זיין ציל. מיינונגען זיינען פאַרשוואונדן פון אַ קערפּערלעכן צושטאַנד, ווען דאָס פאַקטישע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ."

דער באַטייט פון אָט־דעם עפּיזאָד איז: ווען די מענטשן זיינען געקומען צו דער אסיפה איז זייער שייכות געווען אַ פאָרמעל־אויסערלעכע, ווי איך מיט זאַכן, און ניט ווי פּערזענלעכקייטן מיט אינטימע באַציאונגען. אָבער נאָך דעם דיאַלאָג צווישן דעם גייסטלעכן און בובערן איז דער חלל צווישן זיי פאַרשוואונדן און דער צווישן איז אָנגעפילט געוואָרן מיט דער גייסטיקער עמאַנאַציע פונעם געטלעכן, דעם אמתן איך און דו, אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ מין שכינה (עמאַנאַציע) פונעם אייביקן דו (דעם וועלט־גייסט), וואָס די פּערזענלעכקייטן ברענגען אַרויס.

ווי אַזוי קומט עס פאָר? דאָס קאָן אָנגעוואונקען ווערן דורך אַ פיזישער אַנאַלאָגיע פון אַן עלעקטרישער באַטאַרייע און אַ מאָטאָר: פון דער באַטערייע ציט זיך אַן עלעקטרישער שטראָם וואָס באַטרייבט דעם מאָטאָר. דער גרויסער חילוק באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס דאָ ציט זיך די השפּעה נאָר איינזייטיק — בלויז פון דער באַטערייע צום מאָטאָר און ניט פאַרקערט — פונעם מאָטאָר צו דער באַטערייע. אָבער אין שייכות מיט איך און דו שטראָמט די השפּעה צווישנאַנאַנדיק



— פון איך צו דו און פון דו צו איך.

דער אויספיר פון דעם איז, אַז דער עצם פון ווירקלעכקייט, וואָס איז גאָט, ווערט אַרויסגעבראַכט צום באַוואוסטזיין פון מענטש דורך דעם וואָס בובער רופט אָן דיאַלאָג. ווי אַ משל ווי דאָס קען אויפגעקלערט ווערן קען אַרויסגעבראַכט ווערן דורך דעם עסטעטישן געפיל, איבערלעבונג, אָדער עקסטאַז, וואָס איבערוועלטיקט מענטש דורך קונסט: פּאָעזיע, מוזיק, גראַפיק. די דאָזיקע איבערלעבעניש ווערט ניט אַרויסגערופן דורך דעם מאַטעריעלן אונטערגרונט, נייערט דורך דער מיסטישער דערהויבונג וואָס דער קינסטלער האָט אַריינגעהויכט אין זיין שאַפונג, און וואָס ווערט איבערגעגעבן צום געפיל פונעם צוהערער. דורך דעם ווערט געשאַפן דער איבערפלוס פונעם גייסטיקן שטראָם פונעם קינסטלער צום צוהערער, און די באַגייסטערונג פונעם צוהערער ווערט איבערגעגעבן, דירעקט אָדער אומדירעקט, צום קינסטלער.

דאָס קלערט אויף, הגם ניט פּינקטלעך, וואָס בובער מיינט מיט דעם חילוק ווי מענטש באַציט זיך צו זאַכן און דערשיינונגען אין לעבן. עס איז אַנטוויקלט אין לעבן אַן עגאָאיסטישער איך און זאַכן־צוגאַנג — אַ באַציאונג צו זאַכן (און מענטשן ווי זאַכן) אויסגערעכנט פאַר פּראַקטישע נוצן. אַנדערש איז אָבער דער איך און דו־צוגאַנג, ווען מ'האָט אין זינען די גייסטיקע ווירקלעכקייט וואָס געפינט זיך אין זיי, און קיין שום פּערזענלעכע פּניות. אָט־דער צוגאַנג איז דער אידעאַלער צוגאַנג צו וואָס מענטש דאַרף שטרעבן, צוליב דער שייכות, דעם צווישן, וואָס ער איז דער אמתער אויסדרוק פון מענטש בכדי צו באַנעמען די אַבסאָלוטע ווירקלעכקייט, וואָס איז אין איר עצם דער אין־סוף — גאָט.

בובער האָט ניט געהאַט בדעה — הגם ער האָט עס געטאָן — צו לייקענען די רעאַליטעט פון וועלט ווי מענטש באַגרייפט זי דורך זיינע חושים. ער נעמט נאָר אָן אַז ס'זיינען פאַראַן צוויי צוגאַנגען צו איר, וואָס זיינען פאַרשיידן לויט זייער שטעלונג: ערשטנס, דער פּראַקטישער טאָגטעגלעכער צוגאַנג פון אייגן־נוצן, וואָס פאַרשטעלט די וועלט און איר ווירקלעכקייט; צווייטנס, דער אידעאַלער צוגאַנג דורך וועלכן די ווירקלעכקייט אַנטפּלעקט זיך אין איר דערהויבענער שלימות.

בדרך כלל איז בובערס אויסגאַנגספּונקט אַ רעאַליסטישער, אַן עמפּירישער. ער נעמט אָן פאַר רעאַליטעט די וועלט ווי זי ווערט באַגריפן דורך די חושים. ער געפינט גאָט אין רעאַליזם מער איידער אין פאַנטאַזיע. גאָט איז מענטשנס אייביקער דו וואָס איז דורכאויס גייסטיק. דורך דעם וויסן פון וועלט גייט מענטש מיסטיש ווייטער ביז ער באַגרייפט דעם סאַמע עצם וואָס איז גאָט. דאָס איז אייגנטלעך דער חסידישער באַגריף פון גאָט, וואָס בובער האָט אָנגענומען, דער באַגריף, ווי למשל, פון רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס האָט גערעדט צו גאָט ווי צום דו. דער עצם פון דער ווירקלעכקייט איז ניט דאָס מאַטעריעלע, נייערט דאָס גייסטיקע, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך דאָס מאַטעריעלע. מ'דאַרף נאָר האָבן דעם חוש דאָס צו באַנעמען.

בובער גייט דורכאויס אויף דעם חסידישן שטייגער צו באַנעמען דאָס געטלעכע אין דער נאַטור. אין זיין איך און דו קלערט ער עס אויף: „אויב דו פאָרשסט זאַכן ווי זיי זעען אויס, קומסטו צו עפּעס וואָס קאָן ניט פאַרשטאַנען ווערן. אָבער ווען דו לייקנסט זייער קיום, בלייבסטו מיט גאָרנישט. אויב דו הייליקסט דאָס לעבן, באַגעגנסטו דעם לעבעדיקן גאָט." נון, דאָס איז אייגנטלעך דער ריין חסידישער פאַנ־

טעאיסטישער געדאַנק: חסידות באַנעמט אין אַלץ דאָס געטלעכע.

בובער קלערט אויף: „טיף אין דיין האַרצן ווייסטו תמיד, אַז דו נויטיקסט זיך אין גאָט מער איידער אַלץ אין דער וועלט.“ דערביי אָבער גיט ער צו: „דו ווייסט אָבער ניט, אַז גאָט דאַרף דיך; ער דאַרף דיך פאַר דער שלימות פון זיין אייביקן זיין ... דו דאַרפסט גאָט ווי אַ באַדינג פאַר דיין זיין און גאָט דאַרף דיך, בכדי דו זאָלסט האָבן אַ זינען פאַר דיין אייגן לעבן.“

* * *

אין זיין בוך חסידות קלערט אויף בובער די השפעה וואָס די דאָזיקע שיטה האָט אויף אים געמאַכט. ער ברענגט דאָרט אַרויס דעם געדאַנק, אַז „מיט שפינאָזאַן און שבתי צבי האָט זיך אָפּגעשלאָסן אַ פעריאָד אינעם יידישן רעליגיעזן באַגריף און מיט דעם בעל־שם און זיין חסידות האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַנייטער פעריאָד.“

פאַרשטענדלעך, בובער ברענגט עס ניט אַרויס אין אַ סאָציאַל היסטאָרישן זין, ער זאָגט עס מעטאַפאָריש, מחמת באַלד נאָך דעם ברענגט ער אַרויס אַנאַנדער געדאַנק, אַז די גרויסע דערגרייכונגען פון יידישן פאָלק דאַרף ניט צוגעטיילט ווערן צו דעם וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט מאָנאָטעאיזם — די אמונה אין דעם איינציקן גאָט, דעם מקור און תכלית פון אַלץ וואָס האָט אַ קיום, נייערט עס דאַרף צוגעטיילט ווערן צו דעם וואָס יידן גלייבן, אַז מ׳קאָן זיך קערן צו גאָט לויט דעם אַבסאָלוטן אמת, אַז מ׳קאָן זיך קערן צו אים ווי צו דעם ד ו, שטיין מיט אים פנים אל פנים, באַגרייפן אַ שותפותדיקייט צווישן גאָט און מענטש.

דאָס הייסט: אין יידישן רעליגיעזן דענקען קענען זיך זיין אַלערליי זייטיקע שיטות און איינשטעלונגען, איינס איז אָבער אַלגעמיין: דאָס יידישע פאָלק גלייבט באמונה שלימה, אַז דער אמתער גאָט איז דער צו וועמען מ׳קאָן ריידן און ער ענטפערט. (פאַרשטענדלעך, אויך דאָס דאַרף גענומען ווערן מעטאַפאָריש און ניט פאַקטיש.)

דערביי דערקלערט בובער, אַז שפינאָזע האָט ניט גענוי פאַרשטאַנען דעם יידישן באַגריף וועגן גאָט, מחמת ער האָט געמיינט, אַז יידן באַטראַכטן גאָט ווי אַ פערזאָן, און היות ס׳האָט ניט געשטימט מיט זיין השגה, אַז גאָט און נאַטור איז איינס, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם יידישן איינשטעל מכוח געטלעכקייט. אומדירעקט האָבן אָבער די חסידים געגעבן אַן ענטפער אויף שפינאָזעס פונדאַמענטאַלער פראַגע מיט דעם וואָס זיי האָבן אויפגעקלערט: „מחמת גאָט איז אימאַנענט (ענג געבונדן, ניט אָפּגעטיילט) אין דער וועלט, ווערט די וועלט, אין רעליגיעזן זינען, אַ הייליקער סימבאָל.“

און בובער קלערט עס אויף: „ווען די וועלט וואָלט געווען גאָטס פלאַץ, וואָלט זי ניט געקאָנט זיין קיין הייליקער סימבאָל. אָבער מחמת גאָט, וואָס שטייגט אַריבער די וועלט, איז אויך אימאַנענט אין איר, קאָן ער פאַרוואַנדלען די וועלט אין אַ הייליקן סימבאָל... דער קיום פון מענטש קריגט באַדייט מחמת דעם, וואָס זאַכן זיינען אים געגעבן אויף אַזאַ שטייגער, אַז זיי קאָנען ווערן געהייליקט.“

דאָס ווערט פאַרשטאַנען, לויט בובערס איינשטעל, וואָס אין שייכות מיט חסידות איז ריכטיק, אַז ווען מ׳זאָל אָננעמען, אַז גאָט געפינט זיך א י ן דער וועלט, באַטייט עס דאָך, אַז ער איז אַ ט י י ל פון דער וועלט. און אַ טייל איז דאָך, נאַטירלעך, קלענער פונעם גאַנצן. מיינט עס דעמאָלט, אַז הגם גאָט גופא איז הייליק, קען דאָך די וועלט דורך אים ניט געהייליקט ווערן, מחמת ער איז קלענער פון



איר. דעמאָלט שאַפט זיך דאָך אַ סתירה צו דער השגה וועגן גאָטס פולקומקייט.

די חסידישע שיטה טייטשט עס אָבער אַנדערש: גאָט שטייגט אַריבער די וועלט און איז אויך אימאַנענט אין איר. דערפאַר הייליקט ער זי. און אַלץ וואָס געפינט זיך אין איר איז הייליק.

* * *

בובער איז זיך אָפט סותר וואָס ער מיינט אונטערן באַגריף גאָט. ערטערווייז כאַראַקטעריזירט ער אים ווי אַן „אַבסאָלוטע פערזענלעכקייט“, ווי אַ מהות וואָס ווערט אַ פערזאָן בכדי ער גופא זאָל קאָנען באַזיצן וויסן און מ׳זאָל וועגן אים קאָנען וויסן, ער זאָל קאָנען ליב האָבן און ער זאָל קאָנען געליבט ווערן פון מענטשן. פרעגט זיך: וויבאַלד גאָט איז אַ פערזאָן, אפילו ווען ער איז אַן אַבסאָלוטע פערזאָן, איז ער דאָך מחייב זיין באַגרענעצטקייט, אַז עטוואָס איז דאָ מחוץ פון אים.

בובערס איינשטעל איז דערביי אַ צווייטייטיקער, און ער איז אויף דעם באַוואוסטזיניק: סיי ער נעמט אָן אַז גאָט איז אַבסאָלוט אומבאַגרענעצט, סיי ער באַטראַכט אים, לויט זיין מיסטישן דענקען, פאַר אַ „פערזאָן“. פאַרענטפערט ער זיך טאַקע, אַז „ס׳איז ניט אומבאַדינגט נייטיק צו וויסן עפעס וועגן גאָט בכדי צו גלייבן אין אים. אַ סך ערנסטע גלייביקע ווייסן ווי צו ריידן וועגן גאָט, הגם זיי ווייסן ניט וועגן אים. ווען מען דערוועקט זיך צו ווענדן אין דער ריכטונג פון דעם אומבאַקאַנטן גאָט און מען גייט אים באַגעגענען און מען רופט אים, איז די רעאַליטעט שוין פאַראַן.“ דאָס הייסט, וואָס עס זאָל ניט זיין אין מענטשן דער באַגריף פון גאָט, איז וויכטיק נאָר זיין צוגאַנג צו גאָט.

דער גאָט איינשטעל איז ביי בובערן ענג געבונדן מיט דעם סאָציאַלן איינשטעל פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די מאָדערנע ציוויליזאַציע, קלערט ער אויף, האָט פאַרן מענטש פאַרשטעלט דעם וועג צו גאָט. דאָס איז אַ גרויסע באַשולדיקונג. בובער קלערט אויף: „אין אונדזער צייט איז די „איך און עפעס“־שייכות געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין מענטשלעכער האַנדלונג, דער איך איז געוואָרן דער עגאָ אין דער שייכות, דער עגאָ וואָס באַזיצט אַלץ. ער קאָן ניט זאָגן ד ו. ער איז ניט פעאיק צו קאָנען באַגעגענען דאָס אמתע און דאָס ווירקלעכע ז י י ן (דעם פונדאַמענטאַלן קיום). דער עגאָ קאָן, נאַטירלעך, ניט דערקענען גאָט און דעם ריכטיקן אַבסאָלוט, וואָס אַנטפלעקט זיך צו מענטש פון אַן איבערמענטשלעכן שורש. דער ע פ ע ס קומט אַריין אין מיטן און פאַרשטעלט דאָס ליכט פון הימל... דער עקליפס פון דעם הימלישן ליכט, דער עקליפס פון גאָט איז דער כאַראַקטער פון דער היסטאָרישער שעה אין וועלכער די וועלט גייט דורך. דער וואָס זאָגט זיך אָפּ זיך אונטערצוגעבן דער רעפלעקסיווער רעאַליטעט פון דעם טראַנסצעדענטאַלן ווי אַזוינעם (מיר זאָלן זיך באַגעגענען מיט זיין פנים) איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן עקליפס.“

אָט־דאָס אַרויסגעזאָגטע איז מיסטיש און מעטאַפאָריש. איבערגעגעבן אין אַ פשוטער שפראַך, מיינט עס, אַז מענטש האָט פאַרלוירן דעם צלם אלוקים; מענטש איז פאַרדאָרבן געוואָרן פון אַ פערזענלעכן עגאָאיזם מחמת זיינע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען. דערפאַר האָט ער פאַרלוירן דעם וועג צום דערהייבענעם און געטלעכן. מענטש האָט פאַרלוירן גאָט אין זיין האַרץ און אין קאָסמאָס. ווען מענטש האָט זיך אָפּגעטאָן פונעם געטלעכן, האָט זיך דאָס געטלעכע אָפּגעטאָן פון אים.

דאָס איז די אידייאישע וועלט פון מאַרטין בובער, וואָס דורך זיין גאַנצן לעבן האָט ער ניט נאָר געפריידיקט, נאָר אויך אָנגעווענדעט אין זיין אייגענעם פראַקטישן וועג אין לעבן.

לאָטי פ. מלאך

# דער עלצטער זון

(דערציילונג)

אויף אַ ברייטער שטאָטישער גאַס גייען צוויי ברידער. בייע האָבן דיזעלבע מראה; ביידע זיינען זיי נידעריק געוואַקסן, די זעלבע געדיכטע געל־ברוינע האָר. איינער, דער עלטערער, איז אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק. ער פאַרמאָגט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, אַ שווערן גאַנג און אַ גרויסן קאָפּ אויף אַ קורצן האַלדז.

דער ייִנגערער — ערשט צוויי יאָר מיט זעקס חדשים אין לאַנד. דער מאַמעס מילך איז אים נאָך פול אין די אָנגעגאָסענע ליפּן, נאָר זיין פּנים קוקט אויס עפּעס ווי געקריוודעט. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ ליכטיק ברוינעם אנצוג, ברוינע שיך מיט ברייטע קנאַפּל און אַ רעשיק קאָלירטן קראַוואַט. להיפּוך צו זיין ברודער, באַוועגט ער זיך לייכט און עלאַסטיש אויף זיינע פיס, און די לאַנדסמיידלעך זאָגן, אַז ער האָט אַ „זגראַבנע" פיגור. ער גייט אין אָוונטשול, רעדט שוין ענגליש און איז נאָר וואָס געוואָרן אַ קאַנאַדער בירגער.

מנחם, דער עלטערער, האָט אין משך פון די פינף יאָר וואָס ער געפינט זיך אין לאַנד קיין צייט ניט געהאַט זיך צו „אַמעריקאַניזירן." ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין טאָראָנטאָ, איז ער גלייך דעם אַנדערן טאָג אַריין אין שאַפּ און זיך אַוועקגעשטעלט פּרעסן. און ביז ער האָט אָפּגעצאָלט פאַר זיין שיפסקאַרט, אַריבערגענומען דעם ייִנגערן ברודער, בערל, דערנאָך דער מאַמען מיט די צוויי קליינע שוועסטערלעך, האָט ער געאַרבעט איבער־שעהען — צען, צוועלף שעה אַ טאָג. איבער דעם האָט ער געקראָגן פּלאַכע פיס. זיינע לאַכנדיקע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אַ פייכטער בענקשאַפט און זיין שטענדיק ווייצלען זיך, איז ניט איינמאָל באַגלייט געוואָרן מיט אַ טרער, וואָס איז נישט דווקא געווען דער אויסדרוק פון געלעכטער.

מנחם און זיינס גלייכן האָבן אין משך פון יאָרן זיך געלערנט מלאכות, אָרגאַניזירט יוניאָנס, געגרינדעט פאַראיינען, לאַנדסמאַנשאַפטן, און אויפגעשטעלט אַ יידישן קולטור־צענטער לויטן מוסטער פון די אַרבעטער־היימען אין פוילן. יעדער אָוונט פלעגט מען זיך דאָרט צונויפקומען, פאַרברענגען, זינגען, טאַנצן, דיסקוטירן, אויפנעמען אַ גאַסט — מען קאָן זאָגן „זיך אויסגעלעבט." נאָר קאַנאַדע איז זיי עפּעס פאַרבייגעגאַנגען אין אַ זייט — פונקט ווי דאָס ניט־יידישע פוילן האָט זיי אויסגעמיטן אין קליינעם שטעטל אין דער אַלטער היים. אַחוץ איינצעלנע יחידים יאָ, אַזעלכע ווי בערל, וועלכע האָבן פון אָנהייב אָן זיך איינגע'עקשנט צו זיין מיטן שטראָם — זיינען די מערסטע געווען פאַרנומען מיטן איינפלאַנצן דאָס אייגענע, דאָס היימיש־יידישע, דאָס אַרבעטער לעבן דאָ אויפן באָדן פון דער פרעמדער, נייער, קאַלטער היים.

אין די יידישע פאַכן האָט געברויזט: עס זיינען אָנגעקומען העמדל־מאַכער, קאַמאַשן־שטעפּער, שטריקער, מענער־שניידער, דאַמסקע שניידער און שניידער, וועלכע זיינען דאָ געוואָרן פּוטערוואַרג־אַרבעטער — אַ גוט פאַך אין קאַנאַדע.

דאָס איז געווען די קליינשטעטלדיקע יוגנט, וואָס האָט זיך מיט אַלע כוחות געשטופּט דורך דער שמאָלער שפּאַרע, וואָס דאָס ריזיק גרויסע לאַנד האָט געהאַלטן אָפן פאַר אָפּגעקליבענער אימיגראַציע. און אָט די קליינשטעטלדיקע יוגנט האָט עס געשאַפן אַן אינדוסטריע, וואָס האָט



זיך פאַרמאָסטן מיט שיקאַגע, פילאַדעלפיע און אַנדערע גרויסע שטעט אין אַמעריקע.

און... די הונדערטער טויזנטער, די מיליאָנען יוגנטלעכע, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך אַדורכצושטופּן אַזעלכע ד י נ ע שפּאַרעס פון עמיגראַציע, די... נו, יאָ, די זיינען פאַרבליבן צווישן די הייליקע זעקס מיליאָן... און קאַנאַדע שטייט אויפגערוימט און אירע בלענדנדיקע שטחים כמעט ליידיק . . .

* * *

שוין לאַנג, אַז מנחם האָט געהאַט אַן אויג אויף אַ לאַנדסמיידל פון זיין פאַראיין, אַ האַנט־נייערין פון קליידלעך. זי איז אויך געווען קליין־געוואַקסן, האָט גערעדט מיטן זעלביקן זינגענדיקן אַקצענט ווי ער. און ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן איז זי צו אים אויך ניט געווען גלייכגילטיק. אַ סימן האָט ער, אַז בעת די זומערדיקע אַרויספאָרן אויפן לאַסט־אויטאָ זיצט זי שטענדיק ביי אים אויפן שויס.

דאָס דאָזיקע זיצן ביי אַ בחור אויף די קניען בשעת אַן אַרויספאָר צו אַ פּיקניק האָט געקראָגן אַ ספּעציעלן באַטייט ביי דער אימיגראַנטישער יוגנט. אויפן לאַסט־וואָגן האָט מען געוויינלעך אויסגעשטעלט בענקלעך פאַר אַלע בחורים. דערמיט האָט מען געצוואונגען די מיידלעך זיך אויסצוקלייבן, יעדע באַזונדער, אַ פּאָר קניעס זיך אַוועקצוזעצן. און אויב עמיצער האָט זיך געשעמט, געקווענקלט, האָט זי געמעגט שטיין געזונטערהייט אַ גאַנצן וועג. אָבער ווער עס האָט וועמענס קניעס אויסגעקליבן און זיך אַוועקגעזעצט איז דאָס שוין געוואָרן אַ סימן פון אָנגעהעריקייט.

ווען צירל האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אויפן קנאַפּעלע, געדרייט, ביז זי האָט זיך געגעבן אַ זעץ אַוועק ביי מנחמען אויף די קניעס, איז ער געוואָרן אויסער זיך. דאָס לשון האָט אים אַזש אָפּגענומען; כאָטש ביי זיך אין האַרצן האָט ער געהאָפּט אויף דעם.

חברה יוגנט האָט אים צעטראָגן:

„העי, מנחם, דאָס ביסטו? מ'מעג שוין נאָך דיר „קדיש" זאָגן..."

„ס'וועט דיר גלאַטיק ניט אָפּגיין, מנחם, ראַטעווע זיך..."

„דו האָסט שוין דיין חלק עולם הזה"...

„ס'איז דיר וואַרעם, מנחם? פאַלסט אַריין אין אַ מחיהדיקן גיהנום"...

מנחם האָט געשוויצט און געלאַכט מיט זיין גאַנצן קינדערישן פּנים. ווען ער האָט אין אָוונט, נאָך דעם ווי ער האָט באַגלייט צירלען אין איר צימער און איז אַהיימגעגאַנגען, איז ער שוין ניט געגאַנגען אויף זיינע פלאַכע פיס, נאָר ער האָט געשוועבט אין דער לופטן.

אַזוי איז מען אָפּגעפאָרן אַ גאַנץ גייענדיקן זומער, ביז שפּעט אין האַרבסט אַריין, ווען די מייפּל־ביימער האָבן זיך שוין געמינעוועט אין רויט־גאָלדענע קאָלירן. נאָר קיין טאָלק האָט מען ביי איר, ביי צירלען, ניט געקאָנט דערגיין. וואָרעם אויסגעזען האָט דאָס, ווי דאָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן. אַ פּנימל — בלוט און מילך, און אויגן — גאָלע חידוש. אין דער אמתן אָבער איז דאָס געווען אַ קאָקעטקע, אַ שטיפערקע — פלאַם־פייער. דאָס האָט ניט דורכגעלאָזט קיין מאַנסבילש אויג זי זאָל אים ניט צוואַרפן קיין אַרויסרופנדיקן בליק. די עלטערע מיידלעך האָבן זי גערופן „צירעלע ברען."

מנחמס מאַמע האָט געהערט עפּעס אַ רמז. זי האָט זיך געחידושט, וואָס צווישן אַלע מיידלעך און ייִנגלעך, וואָס קומען אַריין אין שטוב, זעט זי ניט, אַז מנחם זאָל שענקען צו איינער פון זיי אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. טייל מאָל האָט ער זיי גאָר אַלעמען איבערגעלאָזט און איז אַוועקגעגאַנגען צו אַ זיצונג.

זי האָט אָבער פאָרט דערקענט, אַז

מיט איר זון איז עפּעס פאַרגעקומען אַן ענדערונג און געהאָפט האָט זי, אַז ס'וועט אַלץ זיין צום גוטן. זי פלעגט האָבן אַ נטיה פאַרן שלאָפן גיין זיך אַריינכאַפּן אין אַ צימער פון די קינדער — אַמאָל צו די מיידלעך און אַמאָל צו די יינגלעך. בערל איז נאָך ניט געווען אינדערהיים. זיין בעט איז געשטאַנען גלאַטיק אָפּגעצויגן און האָט געבלענדט מיט די פּיל־קאָלירטע שטרייפן. ער איז געווען אַ פּעדאַנט, בערל. דערקעגן מנחם איז אָפּט מאָל געווען אַזוי מיד, אַז ער פלעגט זיך אַ וואָרף טאָן אויפן צודעק אין די קליידער אין גאַנצן אָנטורעכץ, זיך אַביסל אָפּרוען, אַמאָל כאַפּן אַ דרימל, דערנאָך זיך ערשט לייגן שלאָפן.

די מאַמע האָט זיך איצט אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון מנחמס בעט און האָט אַריינגעפלאָכטן אירע פינגער אין זיינע געדיכט געקרייזלטע האָר, ווי איר געוואוינהייט איז געווען. ער האָט ניט געעפנט די אויגן, הגם ער איז ניט געשלאָפן. די מאַמע האָט זייער געוואוסט, אַז איר זון איז ראוי לחופה. נאָר מחמת דעם וואָס ער איז יונגערהייט געבליבן אַ פאַרזאָרגער פון אַ משפחה, נאָך דעם ווי „ער" זאָל זיך מיען — האָט זיך אָפּגעשיידט, האָט מנחם זיך דערווייל אָפּגעהאַלטן פון צו פאַרדרייען זיך אַ קאָפּ מיט מיידלעך.

„הערסט, מנחם, כ'טראַכט אַ גאַנצע וואָך וועגן די צוויי מיידן אונדזערע. זיי וועלן דעם זומער פאַרענדיקן די מיטלשול. שוין צייט זיי זאָלן אָנהייבן עפּעס צו טאָן, פאַרדינען. זיי קאָנען גיין אין וואָלוואָרט אַלס פאַרקויפערינס, אָדער זיך לערנען אַ פאַך. וויפיל איז דער שיעור זיי צו באַלעווען?"

אַלע מאָל, פריער, ווען די מאַמע האָט דערמאָנט די מיידלעך, אַז זיי זאָלן גיין אַרבעטן, פלעגט ער אויפשפּרינגען:

„מאַמע, דאָ איז ניט פּשיפּעטשוק. דאָ, אַז מען וויל עפּעס דערגרייכן, דאַרף מען זיך לערנען. וואָס איז, עס פעלן שאָפּ־מיידלעך אין אַמעריקע?"

היינט האָט ער געשוויגן. די מאַמע האָט בלויז געזען ווי ער פאַרקוועטשט שטאַרק זיינע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט עס זאָל זיך פון זיי עפּעס ניט אַרויסכאַפּן. זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, רעדן מיט אים טאַקע וועגן זיין אייגענעם תכלית. נאָר זי האָט זיך געכאַפּט אין צייט, אַז איצט דאַרף מען לאָזן צופרידן; וואַרטן און האָפן ביז ער וועט אַליין דערציילן. וועט זי שוין וויסן וואָס זי האָט צו טאָן. „אַז זי זאָל אים נאָר ליב האָבן אַזוי ווי ער איז עס ווערט, רבונו של עולם!"

זי וועט ניט וואַרטן אויף כלהס צד. מ'שטיינס געזאָגט די צדדים דאָ אין אַמעריקע. אַז בסך הכל איז זי איין מאַמע צווישן צענדליקער יוגנטלעכע. די אַנדערע מאַמעס און טאַטעס זיינען דאָך נאָך אויף יענער זייט ים. וואָס איז, יעדער איינער האָט עס אַזאַ געטרייען זון ווי איר מנחם? דאָס איז דאָך איר עלטסטער, איר בכור, אי... זי וועט מאַכן אַ חתונה, אַז קינד און קייט וועלן האָבן צו געדענקען און וואָס אַהיים צו שרייבן.

* * *

ענדלעך האָט מנחם געבראַכט צירלען אַהיים צו דער מאַמען אין שטוב אַריין. אין קיך (קיין עסצימער איז ניט געווען) איז דער טיש געווען באַצירט און באַשטעלט מיט אַלץ וואָס דאָס האַרץ קאָן נאָר גלוסטן. די מאַמע איז אַרומגעפלויגן, דערלאַנגענדיק די קינדער דאָס עסן, ווי אַ שמעטערלינג איבער בלומען. ס'געווען גאָלע זונשיין, גאָלע פרייד. די צוויי מיידן אין שטוב האָבן גלייך אַריינגענומען צירלען אין דער מיט, ווי זי וואָלט באַלאַנגט צו זיי, ניט צו מנחמען. „זיי וועלן שוין פון איר מאַכן אַ לייט," האָט מנחם געטראַכט.

אָבער ווי נאָר צירל האָט זיך באַקענט



מיטן ייִנגערן ברודער, בערל, איז דאָס געוואָרן גאָר אַן אַנדערע צירל. דאָס הייבט ניט אויף די אויגן פון דר'ערד, און ביי יעדער וואָרט פלאַמט איר אויף דאָס פּנים.

אַזאַ מזל האָט ער שוין, מנחם: ווי נאָר ער פאַרקוקט זיך אויף אַ מיידל ווערט זי „פאַרצוקט." מילא, אַז ס'קומט צו פאָרן אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, אָדער פון אַלדי שוואַרצע יאָר, און כאַפּט אַרויס דאָס שענסטע מיידל פון זייער מיט — צו די צרות איז מען שוין צוגעוואוינט, דאָס האָט שוין ניט איין מאָל און ניט איינעם פון זיי געטראָפן. אָבער אַן אייגענעם ברודער...

ביי זיי, ביי די לאַנדסלייט פון אָסטראָוויסקי, הערשט אַ שטרענגע מאָראַל: מען כאַפּט ניט איינער ביים צווייטן. האָט מען געזען גיין אַ בחור מיט אַ מיידל, האָט זיך שוין קיינער צווישן זיי נישט אַריינגעמישט ביז ס'איז קלאָר געוואָרן זייער שייכות. האָט עס געמעגט ווי טאָן ביזן בייך, האָט עס געקענט אָפּקלעמען דאָס האַרץ, האָט קיינער קיינעם ניט געפּרואווט אָפּשלאָגן.

„דאָ איז ניט קיין „דזשאָנגל", האָבן די עלטערע, די מער געזעצטע בחורים געטענהט. „אפשר זיך שלאָגן, בייסן ווי די הינט? אפשר זיך אַרויסרופן אויף אַ דועל, אַזוי ווי די פּריצים?"... און דאָ קומט צו פאָרן אַ ברודער, אַ שנעק, אייגן בלוט און פלייש און...

נאָר וואָס איז ער שולדיק, דער ברודער? ער פאַרטשעפּעט זי דען? זי וואַרפט דאָך צו אים אייגעלעך פון אונטער די לאַנגע וויִעס אַפּיר.

מנחם איז איצט געגאַנגען מיט זיין ברודער בערל און נאָך עטלעכע חברים אויף דער באַליבטער ספּעדיינע עוועניו. אין גאַס האָט זיך געטראָגן אַ מילד ווינטעלע. ס'איז געווען זונטיק, דער ערשטער טאָג אין פרילינג, ווען די זון האָט באמת געוואַרעמט. מנחמס חושים זיינען געוואָרן אָנגעשפּיצט ביז ווייטיק, ווען ער האָט זי געזען פון דער ווייטנס אָנקומען אַנטקעגן, צוזאַמען מיט עטלעכע חברטאָרינס. וואָס פאַר אַ מינע וועט זי דאָ מאַכן ביים באַגעגענען? ער איינער האָט באַמערקט ווי איר פּנים ווערט פאַרגאָסן מיט רויט בשעת זיי דערנעענטערן זיך; און געפילט האָט ער, אַז דאָס איז ניט צוליב אים, נאָר צוליב זיין ברודער בערל.

ער האָט שוין געוואָלט אַנטלויפן, דורך עפּעס אַן אויסרייד זיך אַרויסדרייען פון דער באַגעגעניש.

„וואַרטס אַ מינוט. איך מוז זיך אַריינכאַפּן צו היימאַנען אין בוך־געשעפט", און זיך געלאָזט לויפן. נאָר זי האָט אים אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשטאַנען דאַרויף אַוועקצושטעלן דעם טראָפּ:

„וואָס איילט איר זיך אַזוי? מיר גייען גלייך אַוועק."

זי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן און זיך שטומערהייט געבעטן רחמים: „זע, וואָס בין איך שולדיק? איך האָב דען געשיקט נאָך אים? איך האָב אים דען אַהער געבראַכט, גערופן? אַז דאָס האַרץ גייט אויס נאָך אים... העלף מיר! זע, ער גיט אפילו ניט קיין קוק אויף מיר. העלף מיר. ער איז דאָך דיין ברודער. העלף"..

די דריי בחורים מיט בערלען בתוכם, האָבן זיך בעת מעשה איבער עפּעס געשפּאַרט. די מיידלעך האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און אַריינגעקוקט אין אַן אויסשטעל־פענצטער. זיי ביידע זיינען געשטאַנען איינע קעגן אַנדערן. ער האָט לאַנג, לאַנג אויף איר געקוקט. פון זיינע קינדערישע אויגן האָט אַרויסגעקוואָלן אַ לויטערער טרער און געפינקלט אויף זיין באַק. צום סוף האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם שווערן קאָפּ און האָט צוגעזאָגט — צוגעזאָגט צו העלפן.

ברכה קודלי

# קאַליפאָרניער מאָטיוון

דיין גלאָריע, קאַליפאָרניע,
גליט יונג און וואַך
מיט ברויז פון קליינע קינדער,
וואָס טוען אַ צעשאָט אין פרימאָרגן
זייער פרייד
קלינגענדיק פון לאַכן און פון שטיפן
אויף צעבליטער קווייט.
פאַרטרונקען אין גערטנער
קושט די ערד זייערע דריבנע טריט
מיט בליטן,
וואָס פאַלן פון בוים אין ראָזן געשריפט,
ווי קערנדלעך אין אַ זאַנג
צייטיקט דער קוש אין זיי אַ לעבן לאַנג.

מיט מאַגישן געשווייג
מישט זיך דיין קלינגענדיקע וואָר,
ווען אין דיינע וואַסערן שווימען אַרום
שטאָלצע, שלאַנקע שוואַנען;
זיי האַלדזן אַרום די ברעגן פון טייך
מיט זייער ווייסער גראַציע,
זיי מאַניעט דער אויפגעוואַכטער אַראָמאַט
פון מאַגנאָליע געשווייג.

ערב פרילינג
קומען צו דיינע פאַלמען
ווינטן פאַרבענקטע
און טראָגן אַוועק פון מערב צו מזרח

שטילקייט און רו —
פאַרוויקלט אין אַ וואַרעמען געדענקען.

צו דיינע בערג, קאַליפאָרניע,
אויף זוניקע סטעזשקעס
קומען פאַרטרוימטע לייט,
זוכן אַ פאַרשלייערטן פורפל
אין די „עווערגרין״־בלעטער,
און אין דער זון
זוכן זיי אַ פאַרכישופטע מחשבה.

דיינע וואַסער־קוואַלן
שלעפּן אַראָפּ פון די בערג
שאַלן פון שניי,
פלעכטן אויס פון זיי זילבערנע צעפּ,
וואָס לויפן אַרונטער
מיט אַ דינעם, דינעם שפּריי,
און זינגען אַרויס
דעם זיסן ברוין פון בערג
און די דוכטעניש פון זייערע קעפּ.

סיי ווינטער, סיי זומער
שיכורן די בינען
מיט אַפּעלסינען צוויט.
די ליבשאַפט און די זיסשאַפט
פון דיין גלאָריע
פאַרפלעכט דער פּאָעט אין זיין ליד.

ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון״



# שרייבער און ביכער

ישראל עמיאָט / ראָטשעסטער, נ. י.

## אַ נוצלעך און וויכטיק ווערק

**ח. מ. ראָטבלאַט: „פון אונדזער קוואַל״, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל אביב, 1967**

עס ווילט זיך מיר אָנהייבן די רעצענזיע וועגן פּראָפ. ראָטבלאַטס בוך מיט דער ציטאַטע וועלכע דער מחבר ברענגט אין זיין אַרטיקל איבער ד״ר שמואל פייגין:

„אין זיין פּאָלעמיק מיט איינעם פון זיינע קריטיקער, וואָס האָט אים באַשולדיקט, אַז זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען זיינען צו פּאָפּולער, ענטפערט אים ד״ר פייגין, אַז ס׳איז די פליכט פאַר יעדן שרייבער צו שרייבן אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן, אַז דאָס פשוטע פאָלק זאָל אים פאַרשטיין ווען די אַרטיקלען זיינען געשריבן אין זיין שפּראַך, העברעאיש אָדער יידיש.״

(מסתרי העברי״, זייט 269, ציטירט פון ראָטבלאַטן אויף זייט 215)

זעט אויס אַז פּראָפ. ראָטבלאַט האָט טאַקע גענומען פאַר אַ דעוויז די דאָזיקע איינשטעלונג.

פּראָפ. ראָטבלאַט שרייבט מיט דער זעלביקער קלאָרקייט און פשוטקייט וועגן תנ״ך און וועגן דער קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט פון יוסף חיים ברענער, וועגן דער באמת וואונדערלעכער העברעאישער פּאָעטעסע, י. בת־מרים, און וועגן וויליאַם באַטאַנזאָן (איינע פון די בעסטע עסייען פון בוך). אָבער די דאָזיקע פשטות נעמט זיך נישט פון פלאַכן באַנעמען אָדער ווייניק וויסן. אויב עס גייט אין וויסן און קענען די נייע העברעאישע ליטעראַטור, איז פּראָפ. ראָטבלאַט איינער פון אירע בעסטע און גרינטלעכסטע קענער און ווייסער. ער געהערט נישט צו די וועלכע האַלטן אין איין באַווייזן זייער קענטשאַפט, ברענגענדיק גאַנצע זייטן מיט ציטאַטן. ער האָט זיין וויסן גענומען נישט פון קיין אַנטאָלאָגיעס, נאָר פון די ערשטע קוואַלן.

די עסייען אינעם בוך זיינען נישט קיין סיסטעמאַטישע. דאָס בוך פּרעטענדירט נישט צו זיין אַ לערנבוך און נישט קיין אַנטאָלאָגיע, ווי אַ שטייגער אורינאָווסקיס אָדער באַראַשעס ווערק אין העברעאיש. עס איז היינט אַ צייט, וועלכע דער באַרימטער פאַרשטאָרבענער העברעאישער פּאָעט, הלל בבלי, האָט כאַראַקטעריזירט אין איין שורה: „הכול כבר הוגד,״ אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן און ס׳איז שווער צו זאָגן נייעס. אָבער פּראָפ. ראָטבלאַט האָט סיסטעם; סדרט איין און מאַכט קלאָר אויף זייער אַ פיינעם אופן יעדער טעמע צו וועלכער ער רירט זיך צו.

איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז אַלע עסייען אינעם בוך זיינען אויף דער זעלבער הויך. איר קענט נישט פאַרגלייכן די גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג איבער רבי יהודה הלוי, וואָס נעמט אַרום זיין דיכטונג און פילאָזאָפיע, אַן אָפּהאַנדלונג פון דרייסיק זייטן, וואָס איז אין אַזאַ פּאָפּולערער פאָרם איבערגעגעבן דער קווינטעסענץ פון אַלעם וואָס איז געשריבן געוואָרן איבער אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן פּאָעט און פילאָזאָף — איר קענט עס נישט פאַרגלייכן צו דעם מאמר „די אַנטוויקלונג פון דער העברעאישער פּראָזע.״

דעם לעצטן מאמר הייבט אָן דער מחבר זייער גוט. ער טיילט איין די הויפּט־עלעמענטן ביים געבורט פון דער העברעאישער פּראָזע און איר אַנטוויקלונג. די סיבות פאַרוואָס די העברעאישע פּראָזע האָט זיך פאַר די לעצטע דריי צענדליק יאָר אַזוי אַנטוויקלט. אָבער ער רופט נאָר אָן עטלעכע נעמען: בורלאָ, קאַבאַק (אגב דערמאָנט ער ביי קאַבאַקן, אויסער דעם וואונדערלעכן הויך טאַלענטירטן ראָמאַן „במשעול צר״, בלויז דעם ווייניקער גע־

לונגענעם ראָמאַן „בין ים ובין מדבר“ און נישט זיין אויסגעצייכנטן ראָמאַן „לבדה“, וואָס געהער צו אַ פריערדיקן פעריאָד), אביגדור המאירי, און עטלעכע אַנדערע, אָבער נישט אַזעלכע קערנדיקע יונגע דערציילער, ווי משה שמיר, אהרן מגד, ס. יזהר, און דעם עלטערן גרויסן דערציילער, חיים הזז; און ש. י. עגנון ווערט געבראַכט אין איין שורה מיט אָשר באַראַש, אונטער „גאַליציאַנער דערציילער.“

דער חשובער אויטאָר האָט דעם אַרטיקל געמוזט שרייבן מיט יאָרן צוריק, וואָלט ער באַדאַרפט אָנגעבן די דאַטעס ווען די אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן.

אויב עס איז ביי יידן פאַראַן אַזעלכעס ווי פשט, רמז, דרוש און סוד, גיט פראָפ. ראָטבלאַט מער פשט. ער איז אַן אויסגעצייכנטער אויסטייטשער. דאָס זעט זיך באַזונדערס אַרויס אין זיין אָפהאַנדלונג איבער ביאַליקן, און אין דעם עסיי איבער די קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון דער תנ״ך דערציילונג.

פון די פרויען־דיכטערינס, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך אַן עסיי וועגן דער לאָס אַנגעלעסער פאָעטעסע מלכה חפץ טוזמאַן, געפעלט מיר ספעציעל די אָפהאַנדלונג איבער י. בת־מרים, מיט דער גרינטלעכקייט און שאַרפן אַנאַליז. ביי טוזמאַן געפינט ער אויך שטריכן וואָס זיינען ביז אַהער נישט באַמערקט געוואָרן: דעם פאָטער און מוטער אידעאַל ווי אַ קוואַל פון איר אינספיראַציע. ביי אלישבע שטרייכט ער שאַרף אונטער (דאָס וואָס עס איז שוין אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך העברעאישע קריטיקער ביז אים) אלישבעס פרעמדקייט צום נאַציאָנאַלן לעבן אין ארץ ישראל, ווי אַן אינדיווידועלע פאָעטעמע, וואָס איז איינגעשלאָסן אין אירע פערזענלעכע איבערלעבונגען.

איך באַוואונדער ראָטבלאַטס פאָפולערן נוסח, באַזונדערס ווען עס קומט צו דענקער.

אַ מוסטער דערפון איז זיין אָפהאַנדלונג איבער נחמן קראָכמאַל.

די וועלכע האָבן געלייענט פראָפ. ש. ראַווידאָוויטשעס אַריינפיר צו ר׳ נחמן קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן“, וואָס איז כמעט אַ בוך פאַר זיך, וועלן אַוודאי אָפשאַצן ראָטבלאַטס קורצן און געפאַסטן מאמר, וואָס גיט אַ באַגריף וועגן אָט־דעם גרויסן דענקער.

פאַראַן וויסנשאַפטלער וועלכע זיינען מיר באַזונדערס נאָענט. איך האָב מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט און אינטערעס געלייענט טייל ווערק פון דעם גאון ר׳ חיים העלער ז״ל, וועלכער מאַכט פאָרעך פון געוויסע ביבל־קריטיקער, וועמענס איינציקער ציל איז געווען צו פאַרקלענערן דאָס חשיבות פונעם פאָלק וואָס האָט געשאַפן די ביבל און ווייזט אויף געניאַל זייער עם־הארצות; און ד״ר שמואל פייגינס „מסתרי העבר“ זיינען צווישן מיינע באַליבסטע ביכער. ד״ר פייגין איז געווען איינער פון דער יידישער גרופע תנ״ך־פאָרשער. געקומען אַ צייט ווען די תנ״ך פאָרשונג האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס אייגנטום פון די דעליטשעס און וועלהויזנס און זייערס גלייכן און עס איז אויפגעקומען אַ נייער דור יידישע וויסנשאַפטלער תנ״ך־פאָרשער, וואָס האָבן געקענט מזרח־שפּראַכן נישט ווייניקער פאַר זיי. ד״ר פייגין, כאָטש ער האָט אויך עוסק געווען אין ביבל־קריטיק, איז ער קודם געווען אַ וויסנשאַפטלער, וואָס האָט געשעצט און פאַרערט אונדזער קולטור־אוצר און ניט סתם געריסן שטיקער פון תנ״ך, נאָר מיט גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מיט געוואַלדיקער באַציאונג.

עס איז מיר דעריבער נאָענט די שיינע אָפהאַנדלונג איבער אים, וואָס איך האָב געפונען אין פראָפ. ראָטבלאַטס בוך, וואָס גיט דעם לייענער אַ פיינעם באַגריף אויף אונטערצושאַצן ביבל־קריטיק — געזונטע קאָנסטרוקטיווע ביז הפקרדיקע, וואָס שלאָגט אָן מיט אַנטיסעמיטיזם. אין דער דאָזיקער אָפהאַנדלונג זעט זיך אגב ראָטבלאַטס ליבשאַפט צו אַלע אונדזערע קניני האומה. דער מאמר איז געשריבן מיט גרויס טעמפעראַמענט און וויסן.

ראָטבלאַטס בוך איז באַזונדערס נוצלעך פאַר די לייענער, וועלכע די העברעאישע ליטעראַטור איז פאַר זיי נישט צוגענגלעך. כאָטש דער מחבר פרעטענדירט נישט אויף אויסשעפלעכקייט, גיט ער אָבער אַ פיינעם באַגריף וועגן אַ גאַנצער רייע שרייבער און ביכער אין העברעאיש, און דאָס מאַכט דאָס בוך באַזונדערס נוצלעך.

יחזקאל בראָנשטיין

# צוויי ביכער יידישע פּאָעזיע

## 1.

## איידעלער קדיש און טרוקן געוויין

### (מ. אַליצקי: געקליבענע לידער)

יעדער דיכטער וואָס איז עכט אין זיין שאַפן איז בטבע אַ זעער.

אַ זעער ווידער, וואָס איז ווי אַ דיכטער מיט אַלע זיינע חושים פּאַרוואָקסן אין דער צייט אין וועלכער ער לעבט, שאַפט און ווירקט, איז בטבע געניגט פאַראויס צו גיין און זען די צייט, מיט דער אוממיטלבאַרקייט פון זיינע פּאָטענצן. ער באַדאַרף זיין ביכולת זיך אַריינצולעבן אין דעם פאַרהוילענעם מאָרגן וואָס בלויט מיט חזיונות, דורך דעם אויפזינגג פון זיין דיכטונג אין אַ פאַרשטענדלעכן לשון, וואָס איז קאַפּאַבל אויפצוציטערן דיין האַרץ, דיך פאַרשותפן צו זיינע זעאונגען מיט דעם רייץ פון זיין סטיל, וואָס מוז דיך פאַרכאַפּן, דיך האַלטן געשפּאַנט און דיך אָנשטעקן מיט דעם פּאַטאָס פון זיינע איבערלעבונגען.

די אַליצקי־משפחה האָט אונדז מזכה געווען מיט אַ געבענטשטן און שעפערישן דריילינג: פּאָעטן מיט אָנזען און חשיבות אין אונדזער דיכטונג, פון וועלכער איינער פון זיי איז דער פּאָעט און מחבר פון דעם בוך געקליבענע לידער — מ. אַליצקי.

אין זיין פּאָעמע אַליין„ וואָס איז געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינדרוק פון אונדזערע אַטאָמישע דערגרייכונגען, וואָס וואַרפן אָן אַ שרעק מיט זייערע פאַרניכטנדיקע פּאָטענצן, זינגט ער פון אַ טאָג, וואָס... ניט קומען זאָל ער בעסער... ווען —

...זיין ניט וועלן מער קיין הייזער ביי די ראָגן,
און ניט טראַמווייען וועלן און ניט קיין טעקסיס יאָגן —
זיין וועט אַרום דיר אַ ווייטקייט רונד און לער,
אַ ווייט מיט ליכט־פלעקן, און מיט גאָרניט מער,
און מיאוס וועט זיין דאָס ליכט, די פלעקן גרויס און שיין
און שטיל וועט זיין און ניט, און דו וועסט זיין — אַליין.

דערמיט איז געמיינט צו זאָגן, אַז אַ נייער תוהו רוקט זיך אָן אויף אונדז און די וועלט מיט אַלע אירע דערגרייכונגען, לויט דעם פאַראויסזען פון דעם פּאָעט מ. אַליצקי, וואָס אין זיין באַגאַבטקייט ווי אַ דיכטער, באַהערשט ער זיין טעמאַטיק מיט דעם צוגאָב פון אַן אייגענעם פּאַטאָס, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם איבער דעם גאַנצן אויסלייג און אויפזינגג פון זיינע געקליבענע לידער.

שוין אין ערשטן ליד זיינעם א.ג. ערשט געקומענע, שלאָגט ער אָן אַ טאָן פון פאַרוואונדערונג, אומעט און הילפלאָזיקייט מצד אונדזערע אויסגעוואָרצלטע ברידער־אימיגראַנטן, אין דעם גרויסן מדבר ניו־יאָרק, וואָס

זיי שטוינען נאָר וואָס הייזער זיינען גאַנץ,
און וואָס פון טראָטואַר איז ניט גערירט דער שטיין.

זייל ערגעץ־וואו, אין זייער מענטאַליטעט און זכרון, זעען זיי נאָך און זיי שפּירן מיט אַלע זייערע חושים, אַז —

דאָרט זיינען צווייגן — פלאַקערדיקער שייטער.
דאָרט זיינען טאָלן פול מיט מענטשן־ביינער.

וואָס גייען זיי נאָך ווי שאָטנס, שטומע עדות פון אונדזער חורבן, אין דעם אויפזינגג פון אַ טרוקן געוויין, אין די געצוימטע, אפילו אורבאַניסטישע — צימצומדיקע לידער פון מ. אַליצקי.

ניט אומזיסט זינגט ער אין זיין ליד אפשר?, נאָך דעם ווי ער קרייצט דורך די גרויס־שטאָט אין אַ טעקסי — אַז

האָסט ניט אַריינגעקוקט אַ הייזקע אין דער שויב,
האָסט ניט אַ נעם געטאָן אַ ביימל ביי אַ בלאַט —
זיין פרייד דערפילן, יונג און גרין און גלאַט.

וואָס האָט זיך פאַר'סך־הכלט צו דער נאָסטאַלגיע פון אַ לאַנג־פאַרשוועכטן און אָפּגע־שניטענעם לעבן. —

מוסטערהאַפט, שיין און טיף־רירנדיק איז זיין פּאָעמע אַלטע לבנה, אין דער כמעט נביאישער אויפפאַסונג פון אונדזער באַלד נישט־וויטן לעבן, ווען —

אין ביכער וועלן מענטשן זוכן דיך
אין די לידער פון פאַרגעסענע פּאָעטן.

די טעמאַטיק פון מ. אַליצקיס לידער איז ניט און קען אויך ניט זיין קיין איינ־הייטלעכע. דערפאַר אָבער איז זי אַ קאַלירפולע, אין דעם אויסלייג פון אַ סטיל אין נישט קיין באַנאַלע, איינטאָניקע פאָרמען, וואָס געפינען אַן אויסדרוק סיי אין קלאַסישע, געמאָסטענע — און אויך פרייע פערזן, אין דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון אַ פאַרשטענדלעכן לשון, וואָס איז צוגענגלעך, אפילו פאַרכאַפּנדיק — פאַר אַ היינטצייטיקן לייענער און פאַרערער פון אונדזער וואונדערלעכער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

די פינף אָפּטיילן פון זיינע לידער: אין ניו־יאָרק, ביי דער ווייסל, מיט מיינע אייגענע, שריפה און אַש איז געבליבן, זיינען זיך אויך ניט סותר אין דעם אויסלייג פון זייער הינטערגרונט, וואָס פאַרשפּיצט זיך און דערפירט זיי צו דער איינהייטלעכקייט פון אַ פּאַטאָס, מיט דעם רעזאָנאַנס און איידעלען, דמה דקה'דיקן קדיש און טרוקן געוויין, ווי עס קומט למשל צום אויסדרוק אין דעם פּאַטאָס פון די לידער ביי דער ווייסל, וואו

קראַנקע ליגן איינגעדעקט מיט שלאָף. די פּילן:
קערפּערס זיינען טיף אַריינגעוואַקסן אין דער נאַכט.
יעדער גליד איז ווי אַ וואָרצל פויל און קיל,
און שמעקט מיט ערד און נאַכט.

צוליב דעם דאָס פאַרצווייפלטע געזאַנג פון ליד פאַרלעש דאָס ליכט, כדי עס

... זאָל בעסער פינצטער זיין.
איך וועל אַוועק און דעמאָלט הערן
ווי ס'פאַלט די ערד אין אייביקייט אַריין
באַגלייך מיט אַלע פאַלנדיקע שטערן.

צוליב דעם אויך די זעאונג פון אַ פאַרנאַכטיקע וועלט, ווען

צוקאַפּנס וועט ליגן צעקנייטשט מיין שינעל.
די ביקס וועט נאָך וואַרעמלעך זיין.
און גלאַנצן וועט זי, אומבאַוועגלעך און העל,
אין לעצטער, אין רויטלעכער שיין.

רירנדיק ביז גאָר, ווייטיקדיק און אומפּאַרגעסלעך זיינען מ. אַליצקיס לידער א.נ. מיט מיינע אייגענע. דאָ רעדט זיך קודם כל וועגן דער מאַמע, וואָס ... איך האָב ניט

געקענט... די טראַגיק פון אָט־דער מאַמע־איבערלעבונג, גיט זיך דיר איבער מיט דעם צויבער פון דיכטונג, וואָס ווייטיקט זיך אַריין אין דיין מענטאַליטעט, האַרץ און נשמה אוממיטלבאַר און באַאומרואיקט דיך אויף תמיד, אין שייכות מיט דער אייביקער מאַמע, וואָס באַגלייט דיך ווי אַ שאָטן ביז דיין לעצטן אָטעם־צוג.

די פּאָעמע מיר פאַרשעמען דיך, מיין ברודער שמחה — ווייבט זיך אין דיר אַריין מיט דעם ניגון פון על חטא, וואָס ניגונט געוויינלעך אויף אין די זעלטנסטע מאָמענטן פון השתפכות הנפש און חשבון הנפש, אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז.

אַזוי אויך דאָס אנז'ענק־ליד א.ב. נאָך ער אַליין — מיין ברודער ברוך, דער יינגסטער פון דעם דריילינג וואָס איז אומגעקומען פאַר דער צייט און אין וועמען מיר האָבן אפשר פאַרלוירן אַ פּאָטענציעלן גרויסן פּאָעט.

די טעמאַטיק פון די לידער שריפה, איז ווי דער נאָמען ווינקט אָן — חורבן. דאָ אָבער איז בכלל ניט קענטיק קיין היסטערישער אויפגעשריי, וואָס דערגרייכט זעלטן זייער ציל.

דאָ קומען אָבער גלייכצייטיק צום אויסדרוק די טראַגישע איבערלעבונגען פון חורבן אין דער איידלסטער און דינסטער פאָרם פון דיכטונג, וואָס אַנטלויפט פון באַנאַלן קיטש און דערגרייכט איר ציל דווקא מיט די איידלסטע מיטלען פון איר יצירה, קול דממה דקה'דיק, אָן קללות — ווי עס קומט צום אויסדריק אין דער פּאָעמע צווישן הימל און ערד, וואו —

שטיל, אָן אַ פלאַקער, געברענט האָט די וויג,
און — זאָגן געקאָנט וואָלט איך — שיין.
די האָט זיך געהוידעט אַהין און צוריק
מיט ווינדעלעך ווייסע און ריין.

וואָס דער דיכטער פאַרענדיקט אַזוי:

איך וויל בלויז אַז איר זאָלט עס זען אַליין,
וואָס איך האָב מיט רגעס צוריק:
צווישן הימל און ערד, אין אַ מויער פון שטיין,
בוענט מיט רויטלעכן פייער אַ וויג.

מער קיין פירושים זיינען דאָ נישט נויטיק.
קיין טראַגישערס דערפון איז נישטאָ.

אַזוי אויך די אַגדערע לידער, ווי אין אַ פאַרלאָזטער שטוב, אַ באָן, און ענלעכע לידער פון אָט־דעם ציקל.

אַש איז געבליבן, דער לעצטער ציקל לידער אין דעם בוך — איז כמעט אָן המשך פון דעם פריערדיקן — שריפה.

דאָ, ווי דאָרט — קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס ווייטיק און צער אויף אונדזער חורבן.

דורך שויבן ברענגט דער אָונט אַש
פון ווייטער היים, וואָס איז אַוועק אין ווייען.
דאָרטן זיינען אַלע . . .

ער זינגט דאָ אויך פון דאָס העמד אויף מיר, וואָס קען דאָך צום לייב ניט ווערן אייגן, ווייל —

ס'איז נאָך אַ גוף פֿאַראַן אין צוגעשיקטן העמד.
איך פֿיל דײַן וואַרעמקייט, איך קאָן דײַן אָטעם הערן.
פֿאַמעלעך ווער איך היימיש אין דער פֿרעמד —
דאָס העמד אויף מיר קאָן היימיש מיר ניט ווערן.

אַזוי אַרום קומט דאָ צום אויסדרוק דער אײַדעלער קדיש און טרוקן געוויין פֿון דעם דיכטער מ. אָליצקי, אָן באַנאַלע אויסגעשרייען — אויף אונדזער גרעסטן חורבן, אין די גאָר שטילע, אײַדל אויסגעפֿורעמטע לידער פֿון זײַן נײַסטן בוך, געקליבענע לידער.

## 2.

## די מגילה פֿון טרויער

### (משה שולשטיין: ביים פּנקס פֿון לובלין)

אונדזער חורבן־ליטעראַטור וואָס באַנייט זיך מיט קולטור־היסטאָרישע ווערק, טאָג־ביכער, כראָניקעס, מעמואַרן און געדענק־ביכער פֿון חרובע שטעט און שטעטלעך, האָט אויך געפֿונען אַ דויערהאַפֿטן אויסדרוק אין ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק, אין דער דיכטונג פֿון אַ צאָל דיכטער אונדזערע וואָס זײַנען יאָ צי נישט געווען אין טרעבלינקע.

דער נײַיעסטער בוך פֿון דעם באַקאַנטן פּאָעט משה שולשטיין איז דורכאויס געשריבן אויף דער פּאַן פֿון אונדזער חורבן. און געשריבן איז ער מיט טאַלאַנט, מיט דעם בלוט פֿון זײַן האַרץ — אין דעם לשון פֿון אַ דיכטער, וואָס בלאָנדזשעט ניט מער און ער דערגרייכט מיט זיי וואָס ער וויל און ער באַצוועקט מיט זיי: דיך אָנצושטעקן מיט דעם צער פֿון ז ײַ ן איבערלעבונג, וואָס צווינגט דיך צו טראַכטן און פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דער זינלאָזיקייט פֿון אונדזער דריטן חורבן, לעולם ועד געדענקען און ניט פֿאַרגעסן, וואָס דער היינטצייטיקער עמלק האָט מיט אונדז אָפּגעטאָן.

שוין דער נאָמען פֿון דעם בוך: ביים פּנקס פֿון לובלין, פֿון משה שולשטיין, ווייטיקט זיך אין דיר אַרײַן מיט דעם אויפֿלויכט פֿון אַ היסטאָרישן הינטערגרונט אויף דער פּאַן פֿון אונדזער דריטן און גרעסטן חורבן, וואָס פֿינצטערט אויף און וויקלט זיך פֿאַר דיר פֿאַנאַנדער, מיט דעם רייץ פֿון אַן אָפֿענעם בוך, אין דעם גאַרן אויפֿזינג פֿון אַן אייגנאַרטיקער מגילה פֿון טרויער.

דער דראַמאַטישער חזיון אין אַ קופּע אַש, ווי דער דיכטער באַנאַמענט זײַנע רירנדיק־נאַראַטיווע פּאָעמעס, שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם געמיט פֿון די זעלטענע אנטייל־נעמער פֿון אַ צאָל גאונים אונדזערע וואָס האָבן געלעבט אין ד'עם צייט־אָפּשניט צווישן דעם זעכצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט — געשטאַלטן פֿון אַמאָל, מיט דעם אומגעריכטן עודף פֿון די קינדער פֿון מאָרגן.

דער רוף אין אַ געבעט־געוויין פֿון צוויי בעלי־פּנקס:

פֿון די קבֿרים די פֿאַרשוועכטע ווערט נתגלה!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

קומט אַרויס פֿון דאָרט, איר אבֿות אבֿותינו...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לאָמיר איצטער דורכשניידן די צייט ווי מיט אַ זעג
ביז צו אונדזערע פֿאַרקוילטע שוואַרצע טעג.

ציטערט־אויף דיין האַרץ און פירט דיך באַלד אַריין אין דעם גיהנם פון אונדזערע טעג, וואָס געפינט באַלד אַ תיקון אין די נאָכפאָלגנדיקע פּאָעמעס פון דעם זעלטן שיין אַרויסגעגעבענעם בוך, מיט די גאָר איינדרוקספולע צייכענונגען אין שוואַרץ אויף ווייס, פון דעם קינסטלער א. קאַלניק.

די געשטאַלטן פון אַ מאָל, וואָס האָבן פון ווייטן אַ בת־קול פאַרנומען און באַלד טאַקע אויך געקומען, הייסן זיך אויסלעשן ... דעם געשימער פון אונדזערע קרוינען... אין פינצטערע שטוינען:

וואָס טוט זיך? די יידן־שטאָט איז גאָר אָן יידן?

און זייער לאַנגישסטער פאַרלאַנג, אין דעם ברען פון זייער פיינלעכער איבערלעבונג פון פאַרצווייפלונג און פון יאוש — איז:

לייגט נאָך אַמאָל שערבלעך אונדז אויף די אויגן —
נישט דאַרפן דאָס צוזען אין עלנט געבויגן.

דאָס איז אין קורצן דער אויפגעשריי פון דעם חוזה פון לובלין; דער אייזערנער קאָפּ, ר׳ עזריאל הלוי האָראָוויץ; שאול וואַל, דער לעגענדאַרער קעניג פון פוילן; דער מהרש״ל — ר׳ שלמה לוריא, און ר׳ מאיר בן־גדליה — דער מהר״ם פון לובלין, וואָס שלייכן זיך אַרום אין די יידישע גאַסן, וואו —

מען הערט דאָרט ניט מער דעם בעל־תפילה, דעם חזן.

— — — — — — — — — — — — — — —

די פרייד פון ימים־טובים — די דאגות פון וואָכן —
און הערן בלויז אונדזערע אייגענע קנאָכן.

צוליב דעם דער ווייטערדיקער אויפגעשריי:

פאַרדעקט אַלע טייכן מיט כמאַרעס ווי שפּיגלען!
און שבעה זיך זעצט אַלע בערג, אַלע היגלען!
איר האָט אונדז גערופן — צו וואָס און צו וועמען?
אויף חיבוט הקבר? אונדז פּלאָגן? פאַרשעמען?
וואו איז אונדזער שטאָט, אונדזער ציבור און קהל?
וואו איז אונדזער היים — אונדזער אם בישראל?

די בעלי פנקס געפינען די שטאָט, די געליבטע, געשעצטע, בלויז —
... אין די בלעטער פון ספרים
מיט פענצטער פאַרלאָשענע, שוואַרץ־אויסגעזעצטע.
די הייזער צעפלינדערט, פון רויכן דערוואָרגן...

זיי רופן אַלעמען צום ספר, צום פנקס. און אין דעם אויפזינג פון אונדזער טראַגישער תקופה, אין גאָר רירנדיקע פּאָעמעס, באַקומט זיך אַ בילד פון שונא, וואָס —

ער וויל פון דיר גאָרנישט — דיין נפש בלויז וויל ער.

די בעלי־פנקס פאַרפעלן נישט צו פאַרצייכענען אַלע מיתות־משונות מיט וועלכע אונדזערע קדושים זיינען אומגעקומען, אפילו ווי —

אַ קינד פון אַ מאַמען צעשיידט איז, צעריסן,
און ס׳קינד אויך אַליין ווערט צעריסן אויף העלפט.

אָט־די אַלע איבערלעבונגען באַקומען זיך אין קרעפטיק־אויסגעהאַמערטע פערזן, וואָס זיינען רירנדיק אין תוכן און דורכאויס קינסטלעריש אויסגעפירט.

די קינדער פון מאָרגן, וויינען און מאָנען:

פאַמעלעך, קיין וואָרט נישט קיין אות נישט פאַרהיפּערט —
מיר דאַרפן אַלץ וויסן! מיר מוזן אַלץ וויסן!

**די מגילה פון טרויער, כאָטש פאַרקערפּערט אין אַ גאַר דינעם בוך, און דאָס באַטראַכט איך פאַר אַ גאַר גרויסער מעלה — וויקלט זיך ווייטער פאַנאַנדער אויף דער פאָן פון פּיין.** די בעלי־פּנקס **זיינען ממשיך זייער איכה־געזאַנג אויף זייער שטייגער אַזוי:**

עצבות און פרייד, אַלץ גייט צו ענדע, וועגן פאַרגייט
ווינט פון די פּאָלעס, אַלץ גייט צו ענדע — מיין טויזנט־יאָריקער,
שיין פון לעגענדע — דאָ, אויף די פּוילישע ביטערער צרה'קער
**און —** גלאָררייכער גלות.

אַלץ איז פאַרביי,
אַלץ איז פאַרביי.

**פון דעם גאַנצן הו־האַ, קאָשמאַרישן געיעג צום אומקום, טיילט זיך דאָ אויס אַזאַ אומפאַרגעסלעך בילד:**

מיטן פאַרגעלטן ס'פּנים פאַרשטעלט —
צויטיקן טלית מער ניט צו דאַרפן זי
האָט זיך אַ זקן זען אָט די וועלט...

**די פאַרשאָלטענע יועלט פון רציחה, אין דעם פּראָצעס פון גאָרן, אומשולדיקן אומקום. דאָס האַרצרייסנדיק געזאַנג פון אומקום דערגרייכט זיין קלימאַקס אין דעם, וואָס עס**

דאָ איז דער ראַנד!
שטייט דער וואַגאָן — דאָ קומט מען אָן — מען,
לעבן און טויט דאָ קומט מען אום. דאָ
שטייען באַנאַנד. דאָ קומט מען, קומט
דאָ איז די ראַמפּע, דאָ קומט מען אָן...

**אין דעם טויטן־לאַגער פון דעם פינצטערן היטלעריזם.**

די געשטאַלטן פון אַמאָל **זיינען פאַרצווייפלט און צעבראָכן. זייער פאָרוואורף און געבעט פון האַרצן איז:**

וואָס האָט איר געוועקט אונדז? לאָזט גיין אונדז פון דאַנען!
— — — — — — — — — — — — — — — —
פאַר בושה לאָזט נאָך אַמאָל היינט אונדז באַגראָבן!

**און ווייטער—**

קום, נביא, צום עמק הבכא צו שוועבן.
צי וועסטו אויך ס'אַש, ווי די ביינער באַלעבן?

**און —**

מיר קענען נישט זיין דאָ, די פונסטקייט צו הערן.
צוריק ווילן מיר אין דער רו אַריין קערן.

**דער העכסטער גראַד פון פאַרצווייפלונג קריגט אַזוי אַרום אַ תיקון אין די** קינסטלערישע ווערטן פון משה **שולשטיינס דיכטונג.**

אַזוי זעט מען און עס באַשטעטיקט זיך, אַז די קינדער פון מאָרגן **האָבן ווי זקנים דאָס קלאָג־ליד באַנומען. זיי ריידן למשל פון לערנען וועגן דעם אַמאָל אין די ביכער—**

ווען אַלץ וועט אין כתבים שוין ווערן אַמאָליק —
געדענק וואָס אַמאָל האָט געטאָן דיר עמלק!

צבי שטאָק / ברוקלין נ. י.

# דערציילונגען פון איבער ווייסטע וועגן

## יחזקאל קייטלמאַן: „אויפן וועג קיין אומאַן, און אַנדערע דערציילונגען"

(געצייכנט פון מרים קייטלמאַן) ניו־יאָרק, 1967 — 287 זייטן

יחזקאל קייטלמאַן קען מיט רעכט זאָגן: „אני הגבר ראה עני בשבט עברתו," און ריכטיק שרייבט ער אין דער הקדמה צו זיין איצטיק בוך: „וואָס טיפער, וואָס עקשנותדיקער איך האָב זיך אַריינגע־שריבן אין דער אימהדיקער וועלט פון אונדזער אומקום, אַלץ מער בין איך גע־בליבן שטיין אַליין ווי אויף אַ פעלד וואָס מיט אַמאָל גייט אויף אים אונטער די זון, די גראָזן ווערן פאַרברענט, די פייגל פליען אַוועק, די וואַסערן טריקענען אויס און דער ווינט שטאַרבט־אָפּ. איך האָב גע־רופן און קיינער האָט נישט געענטפערט"..

ס'איז אַן אימהדיק בוך, וואָרן ס'ווערט אין אים פאַראייביקט סיי דער אָנהייב, סיי די מיט און דער סאַמע סוף פון דער גרויסער אימהדיקער יידישער טראַגעדיע, און מיט איר צוזאַמען ווערט אויך אויף אַ ראַפינירטן אופן און אויף אַ נאַטירלעכן שטייגער אַרויסגעבראַכט די שיינקייט פון אונדזער יידיש לשון מיט אַלע זיינע ניו־אַנסן און אידיאָמאַטישע סענטענצן.

יחזקאל קייטעלמאַן טוט דאָס נישט אויף קיין קינצלעריש, צוגעטראַכטן אופן. ס'פליסט ממש אַרויס פון זיין קוואַליקער פען אַ שלל מיט עכט־זאַפטיקן לשון, וואָס איז איינגעקייטלט אין יידישן סטיל, אין יידיש געלעבטן לעבן, אין יידישן געפיל, אין יידישן אופן פון טראַכטן און שפירן, אין יידישער פרייד און אין יידישן צער און טרויער.

„„אויפן וועג קיין אומאַן" איז דאָס פערטע בוך פונעם מחבר. ס'איז איינגע־טיילט אין פינף אָפּטיילן: „אויף אייגענע שוועלן"—15 דערציילונגען; „מעביר יום ומביא לילה"— 9 דערציילונגען; „אין רוסלאַנד"— 8 דערציילונגען; „אין אַמע־ריקע"— 5 דערציילונגען, און צוויי פאַר־צייכענונגען.

גלייך אין דעם אינהאַלט פון די ערש־טע דערציילונגען דערשפירט זיך שוין דאָס פאַרגעפיל פון דער אימהדיקער טראַ־געדיע וואָס רוקט זיך אָן אויף די יידישע שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע.

---

און דער פינאַל פון דער מגילה פון טרויער איז:

מיר טראָגן די שטאָט, ווי אין זאַמדן צעגליט
האָט משה געטראָגן דעם משכן אין וואַנדער;
מיר טראָגן זי טריי, ווי אַ ספר פון פייער,
די מויערן־שטיקער, ווי לוחות ווי נייע.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַז שטיין זאָל זי פאַרזיכטיק און דויערנדיק־בלייביק
אין קדשי־קדשים פון אונדזער זכרון
פון יאָרן ביז יאָרן,
פון אייביק ביז אייביק,
ונאמר אָמן.

דאָס איז אין קורצן דער זין, תוכן און פאַרנעם פון דעם בוך: ביים פנקס פון לובלין, וואָס דער דיכטער משה שולשטיין האָט פאַר אונדז אויסגעוויטיקט — אַ טרויער מגילה, אין רייכע פאָעמעס, וואָס וועלן אונדז אַלעמאָל דינען ווי אַ דירעקטער אָנרעג צו גע־דענקען און ניט פאַרגעסן, וואָס דער הײנטצייטיקער עמלק האָט מיט אונדז אָפּגעטאָן, אין דעם סאַמע ברען פון די גרעסטע און בעסטע דערגרייכונגען פון דעם אַזוי־גערופענעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ווען מען הויבט־אָן לייענען די סאַמע ערשטע דערציילונג, „די הירשן", לעבט מען זיך גלייך **אַריין אין דעם גרויסן אומגליק** און דעם מוראדיקן פייער וואָס האָט ווי אַ שרעקלעך געוויטער אַרומגעכאַפּט יידנטום און פאַרצערט זעקס מיליאָן לעבעדיקע, שאַפנדיקע און ענערגישע יידישע מענער, פרויען און קינדער.

יחזקאל קייטעלמאַן האָט אין דעם בוך איינגעקייטלט אַ וויכטיקע כראָניק פונעם וואונדערלעכן שטעטל אין מערב־גאַליציע — זידיטשעוו, וואָס האָט אַמאָל געהייסן ביי יידן זידיטשויוו. „דער זידיטשויווער רבי", פלעגן יידן זיך פאַרכלינען מיט התפעלות און התלהבות פאַרן גרויסן צדיק און גאון ר׳ צבי הירש הערשל זידיטשויווער זצ"ל...

„ווי אַ פויגל דערפילט דאָס אָנקומען אינסטינקטיוו (צ. ש.) דעם שרויט פון אַ שטורעם, ווי אַ חיה דערשמעקט דעם יעגער־ביקס, אַזוי האָט זידיטשעוו פאַרויסגעפילט דאָס אָנקומען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — און נאָך דעם ווי ס׳ברעכט אויס די מלחמה, די נאַציס ימ"ש באָמבאַרדירן שוין דאָס שטעטל, קומט פלוצים אַרויס פון נאָענטן וואַלד אַ הירש; ער בלייבט שטיין אַ הויכער, אַ שטאַרקער, אין גאַנצן אַ בורשטין־גרינער, ווי אַ סאָסנע־בוים. —

„די הירשן, די הירשן" — ווערט אַ געשריי פון אַלע פעלדער אַראָפּ, פון אַלע וועגן אַראָפּ: „ראַטעוועט די הירשן," זיי לערנען דאָרט אין בית־המדרש! (תורה, צ. ה.).

די צוויי שוועסטערקינדער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי אַ צווילינג, האָבן געהייסן „הערש" און מ׳האָט זיי גערופן די „הירשן", צוויי גרויסע לומדים, פון אַ משפחה פון לומדים, שלאַנקע, איידעלע, צאַרטע אין אויסזען און שיינע יידן. און קייטעלמאַן פאַרענדיקט זיין ערשטע דערציילונג: „דאָס פייער איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, די קנוילן רויך האָבן זיך צעוויקלט הויך אונטער די הימלען און אָנגעהויבן אויסזען ווי צוויי הירשן, הויכע, שטאַרקע — אַן עלטערער ייד זאָגט מיט גרויס ציטערניש: „קוקט, קוקט נאָר, ליבע יידן — ביידע די ר׳ הירשעס גייען דאָך לעבעדיקערהייט אַרויף אין הימל אַריין!" און אַזוי ווייטער.

איך האָב בלויז געבראַכט דעם תמצית פון דער וואונדערלעכער דערציילונג וואָס איז אַזוי־צו־זאָגן, דער סאַמע אַריינפיר, דער סאַמע אָנהייב פון יחזקאל קייטעלמאַנס גאַנצן בוך „אויפן וועג קיין אומאַן."

ס׳וואָלט זיך געוואָלט אילוסטרירן אָן אַ שיעור פון כמעט אַלע דערציילונגען פונעם בוך, וואָרן נישט נאָר וואָלט דער לייענער געזען פאַרוואָס אַזאַ בוך פאַרדינט געלייענט צו ווערן און צו באַשיינען די פּאָליצעס פון אַלע יידישע אינטעליגענטע לייענער, נאָר ס׳דאַרף אָפּגעהיט ווערן ניט נאָר פאַר צוקונפטיקן היסטאָריקער פון אונדזער גרויל און צער, פאַר אונדזער זכרון פון דעם שוידער און דער אימה, נאָר אויך בכלל פאַר די קומענדיקע דורות, אַז זיי זאָלן וויסן וואָס ס׳מיינט צו זיין אַ ייד, וואָס גייט אויף קידוש השם.

קייטעלמאַן האָט ניט נאָר פאַראייביקט דעם נאָענטן עבר אין אַלע אָפּטיילונגען פון זיין ווערק, נאָר ביים סאַמע סוף, וואו ער שילדערט אין די פאַרצייכענונגען דעם יידישן הווה, די קעגנוואַרט דאָ, שוין אין אַמעריקע, „ביי דער מאַמען אויף יום־טוב" און ווי ער זיצט אויף אַ באַנק אין סענטראַל פּאַרק און זיין געדאַנק טראָגט זיך פלוצים אַוועק, עפּעס גאָר רעטראָאַקטיוו צוריק, דורך אַלע יאָרן פון סאָוויעטן, רוסלאַנד, אויפן וועג קיין אומאַן, אוקראַינע... „ערגעץ טיף אין מיר ריידן — זאָגט קייטעלמאַן — אַלע יידישע מאַמעס, מאַמעס באַלאָדענע מיט קינדער, מיטן עול פון פרנסה, מיטן וואַשן, שייערן; מאַמעס פאַר און נאָך די פּאָגראָמען, יידישע מאַמעס אין די אימהדיקע היטלער־צייטן.

„איך כאַפּ מיך אויף פון מיין פאַרקלערטקייט. דאָס לבנה־רייפטל איבער דער פינפטער עוועניו איז שוין גאַנץ בולט. וואו איז דאָ ערגעץ שאַגאַל? ער וואָלט דאָך געדאַרפט די יידישע מאַמעס אויפהויבן איבער אַלע דעכער, איבער אַלע צייטן, איבער אַלע אונדזערע שרייבעכצן. גאָט! מיין מאַמע פליט אין שאַגאַלס אַ געמאָלן בילד איבער דעם סענטראַל פּאַרק אין ניו־יאָרק אין 1964!"

# קונסט און קינסטלער

אַריה פאָזי

## קאָוונער־גראַדסקי — אַן אייגנאַרטיקער יידישער קינסטלער

קונסט־ליבהאָבערס, דער עיקר די דאָזיקע וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף קלאַסישער קונסט, ווען זיי באַזוכן איצט קונסט־אויסשטעלונגען, קומען זיי אָפטמאָל אַרויס פון דאָרט היפשלעך אַנטוישט. פאַרוואָס? דאָס רוב איבער די אַזוי גערופענע „מאָדערניסטישע" טענדענצן פון די קינסטלער, וואָס באַציִען זיך מיט ביטול קעגן די „רענעסאַנסן" און „גאָלדענע עפאָכעס" אין קונסט. זיי שטרעבן אַריינצופירן נייע פאָרמעס אין זייערע שאַפונגען, אַריינגעבן אין דעם נייעם אויסדרוק, נייע אינטערפרעטאַציע, אָבער זעלטן ווען ס'געלינגט זיי צו דערגרייכן מייסטערשאַפט. ווען מ'קוקט זיך צו צו זייערע שאַפונגען, דוכט זיך אָפט מאָל, אַז זיי טוען בכיוון אַריינגעבן אין זייער קונסט אומפאַרשטענדלעכקייט, בכדי דערמיט אויסצודריקן אונטערבאַוואוסטזיין. אָבער דורך דעם געשעט ניט זעלטן, אַז דער עצם פונעם אָביעקט ווערט פאַרלוירן. עס ווערט מטושטש סיי די ווירקלעכקייט און סיי דער פערספעקטיוו, וואָס דאָס, אייגנטלעך, איז דאָך דער עיקר וואָס דער קינסטלער באַדאַרף אַרויסברענגען.

דאָס מיינט ניט אַז „מאָדערניזם", אין דעם אָנגענומענעם זין, איז ניט קונסט. צווישן „מאָדערניסטן" זיינען דאָ גאָר

---

נאָך וואונדערלעכער איז זיין פאַרצייכענונג „מיין זון ווערט בר־מצוה" — וואו קייטלמאַן שילדערט זיין אייגענעם איינציקן זון, אלעזרס בר־מצוה, דאָ אין אַמעריקע, און ער פאַרענדיקט, און אַזוי פאַרענדיקט זיך אויך זיין בוך:

„מיין זון לערנט די הפטורה. איך וואָלט געזאָגט אַז די הפטורה לערנט אים. דער רעקאָרדער שטייט אויפן אָפענעם פענצטער און אויף דער גאַס שפילן באָיס אין בייסבאָל. מ'וואַרפט דעם „באָל" (פילקע) אַהין און אַהער, און אין מיטן מישט זיך אַריין דער נביא ישעיה. די יינגלעך: יידישע, איטאַליענישע, איירישע, האָבן זיך שנעל צוגעוואוינט צום נביאס ניגון.

„איך לאַך, אָבער עפעס שטיקט אין האַלדז. איך ווייס, אַז אָט־די פאַרצייכענונג וועט בלייבן ניט מער ווי אַ פאַרצייכענונג, און די אַמעריקאַנער בר־מצוהס וועלן בלייבן ווי זיי זיינען — אויסגעהוילטע פון **אַלע יידישע אינהאַלטן**, און דאָך ווען איך הער אין מיין רו אין אַ נאָכמיטאָג, מיט פאַרמאַכטע אויגן דעם טרויעריקן ניגון פון דער הפטורה פון נביא ישעיה מיט די אונטערטענער פון „ראַק ענד ראָל", ווי דער נביא זאָגט: „אויך איך וועל אויסקלייבן זייערע פעלשונגען און זייער שרעק וועל איך ברענגען צו זיי, ווייל גערעדט האָב איך און קיינער האָט נישט פאַרענטפערט..." אאַז"וו.

אַזוי פאַרענדיקט קייטלמאַן זיין בוך. ס'איז אַזוי־אַרום אַן אמתע כראָניק, כמעט אַן אויטאָביאָגראַפישע סכעמע פון זיינע מוראדיקע און גרויליקע איבערלעבונגען פון דעמאָלט אָן, פון די מוראדיקע טעג עד היום הזה, ביז איצט אין אַמעריקע. ס'איז כדאי, אַז דער שרייבער בחסד, יחזקאל קייטלמאַן, זאָל פאָרזעצן זיין קייט פון שילדערנדיקע דערציילונגען, וואָרן ער האָט וואָס צו דערציילן, און ער היט בשעת־מעשה אָפ אונדזער טייער, חנעוודיק יידיש־לשון און יידיש־סגנון פון מערב־גאַליציע אויף אַן ערלעכן, נאַטירלעכן אופן, און מיר זאָגן אים יישר־כוח און ווינטשן אים אַ סך יאָרן פון שאַפונגס־פרייד.

גרויסע קינסטלער, וואָס זייערע שאַפונגען זיינען אָריגינעל און סטימולירנדיק. הינטער דעם איז פאַרהוילן אַ סך וויסן און טיפזין. זיי פאַרפאַסן אין רוימלעכקייט און אַבסטראַקט, זייערע קאָמפּאָזיציעס זייען טעכניש מייסטערלעך; זיי טוען נאָר אָפּשיילן וואָס זיי באַטראַכטן פאַר אומוויכטיק, פאַר איבעריק. אָבער מייסטערשאַפט האָבן דערגרייכט נאָר איינצלנע, די גאונים צווישן זיי. קיין סך פּיקאַסאָס, שאַגאַלס אָדער עפּשטיינס זיינען ניט פאַראַן. די מערסטע אַבסטראַקטע בילדער און סקולפּטורן, אין אַלע זייערע פאָרמעס, זיינען אָפט מאָל אָנשטעל און מיטלמעסיקייט. און וואָס עס אַנטוישט מער פון אַלץ איז דאָס וואָס די מערסטע פון די קינסטלער האָבן נאָר זיך אין זינען. זיי שאַפן און איבערשאַפן נאָכאַנאַנד זיך אַליין, זייערע אייגענע שטימונגען. זיי קענען ניט זען אין דרויסן פון זיך. זייער אַבסטראַקט איז דער אַרויסשטעל פון דעם אייגענעם עגאָ. אָבער עגאָאיזם איז ניט קיין מעלה. דאָס פירט במילא צום גרויסן חסרון, וואָס די אַלע קינסטלער פאַרליידן ניט קיין קריטיק.

דערפאַר איז פאַר מיר געווען אַ גייסטיקער פאַרגעניגן צו באַקענען זיך מיט די שאַפונגען פון אַ טאַלענטירטן יידישן קינסטלער, וואָס זוכט מיט זיינע מאָלערייען פאָרצוזעצן יענע אייגנאַרטיקייט אין קונסט, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין טראַדיציע, און וואָס הערט נאָך אַלץ ניט אויף אַרויסצורופן געפילן פון באַגייסטערונג ביי מענטשן מיט ראַפינירטן קונסטגעשמאַק.

דער אָנגעגעבענער קינסטלער איז ק אָ ו נ ע ר ־ ג ר אָ ד ס ק י, וואָס צוויי פון זיינע בילדער זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף דער יערלעכער אויסשטעלונג פון קאַליפאָרניער קונסט־קלוב (אין גריכישן טעאַטער, גריפיט פאַרק, לאָס אַנדזשעלעס) און וואָס זיי האָבן דאָרט געוואונען סיי דעם ערשטן און סיי דעם צווייטן פרייז.

צווישן קרוב צו צוויי הונדערט בילדער וואָס זיינען געווען אויסגעהאָנגען אויף אָט־דער אויסשטעלונג, האָבן נאָר פופצן זוכה געווען זיך אַרויסצורוקן אויבנאָן. און דעם ערשטן אָרט צווישן זיי האָבן פאַרנומען קאָונער־גראַדסקיס בילדער, ביידע אין אויל־פאַרבן: אַ לאַנדשאַפט — אָאַזיס, וואָס האָט געוואונען דעם ערשטן פרייז, און מיינע פיר שכנים, וואָס האָט געוואונען דעם צווייטן פרייז.

דער עיקר מאַכט אַן איינדרוק דאָס בילד אָאַזיס: עטלעכע ביימער און עטלעכע קוסטעס אין אַ וויסטעניש. עס פילט זיך בולט דער ביטערער עלנט פון די געוויקסן, וואָס דאַרפן זיך ראַנגלען פאַר זייער קיום אונטער דעם פלאַקער פון דעם צעגליטן הימל און ברענענדיקער זון אין אַן אָנגרייפנדיקער סביבה פון זאַמד און שטיינער פונעם צאָרנדיקן מידבר, וואָס דראָעט דעם אָאַזיס מיט פאַרניכטונג.

דאָס צווייטע בילד, מיינע פיר שכנים, איז — צום היפוך פונעם ערשטן בילד — זייער געמיטלעך, געמאָלן אין אַ שטימונג פון גוטמוטיקן הומאָר. די פיר שכנים פון קאָונער־גראַדסקי זיינען ניט קיין בעלי־חי, נאָר דוממים. זיי זיינען פיר פלאַנצן אין בלומען־טעפּ — אַ שטיללעבן אויף די בלומען־בייטן, וואָס לעבן קינסטלערס הויז.

קאָונער־גראַדסקיס ביידע בילדער פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייערע קאָלירדייכקייטן און טעכנישער קאָמפּליצירטקייט. דאָס זיינען טאַקע ניט מער ווי צוויי בילדער, אָבער אפילו אין אָט־דעם צימצום דערקענט זיך גלייך, אַז ס׳זיינען שאַפונגען פון אַ בייגיקן, גוט־געשולטן, געשמאַקפולן קינסטלער, וואָס האָט די פעאיקייט איבערצוגעבן אויפן לייוונט שטימונגען וואָס קאָנען דאָמינירן. זיי זיינען אַן אָנדייט אויף דעם קינסטלערס טיף־אַריינדרינגענדיקער פאָרשונג פון שיינקייט און זיין פעאיקייט אויפצוכאַפּן גייסטיקייט אפילו אין נאַטור־גליווער, — צו אַנטפּלעקן דעם טיפזין וואָס מאָטיווירט די נואַנסן און קאָליר־שטימונגען פון דער נאַטור, וואָס רינגלט אונדז אַרום, און די אַנטפּלעקונג פון דער פאַרהוילענער נשמהדיקייט פון דוממים, וואָס צום קינסטלערס אויג איז זי, די דאָזיקע נשמהדיקייט ביי די דוממים נאָך מער בולט, מער אויסגעשפּראָכן, איידער ביים מענטש, ווייל ס׳איז ניט מאַסקירט און, דער עיקר, ניט סאָפּי־

סטיציִרט. אָבער כּדי צו קענען עס אויפכאַפּן ווי געהעריק, באַדאַרף מען האָבן אַ קינסטלערישע דורכדרינגענדיקע וויזיע. און דערמיט איז קאָוונער־גראַדסקי בלי ספק געבענטשט. ער האָט באַוויזן, אַז ניט נאָר קען ער באַנעמען זאַכן אין דער טיף, נאָר ער פאַרמאָגט אויך די נייטיקע טעכניק דאָס באַנומענע פאַרביק צו פאַרצייכענען אויפן לייוונט.

* * *

די דערמאָנטע צוויי בילדער פון קאָוונער־גראַדסקי זיינען אָבער ניט מער ווי איזאָלירטע ביישפּילן פון זיין קונסט, און בכדי צו באַקומען אַן אַרומנעמענדיקן באַגריף פון זיינע שאַפונגען איז נייטיק צו באַזוכן זיין סטודיאָ און באַטראַכטן די פּילצאָליקע בילדער וואָס זיינען דאָרט אויסגעשטעלט.

און די דאָזיקע סטודיאָ האָב איך געהאַט דעם פאַרגעניגן צו באַזוכן און דערביי האָב איך זיך אויך באַקענט מיט אייניקע פּרטים פון דעם קינסטלערס פאַרגאַנגענהייט.

* * *

קאָוונער־גראַדסקי איז אַ באַשיידענער מענטש, ער רעדט וועגן זיך זייער ווייניק און ניט גערן. בלויז אגב־אורחה האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט גראַדויִרט פון דער מלוכהדיקער קונסט־אַקאַדעמיע איז וואָראָנעזש, רוסלאַנד, און אַז די ליידנשאַפט צו מאָלן איז אין אים געווען אַנטוויקלט פון קינדהייט אָן.

איבער זיין באַשיידנקייט מאַכט קאָוונער־גראַדסקי דעם איינדרוק פון אַ ניסתר צווישן קינסטלער. אונטער דעם צודעק פון זיין דרויסנדיקער פשטות און ניט־פּרעטענציעזקייט איז פאַרבאָרגן גרויסע קינסטלערישקייט — מער קינסטלערישקייט איידער ביי אַ סך אַנדערע מאָלערס, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען אין קרייזן וואָס אינטערעסירן זיך מיט קונסט.

זינט די לעצטע פופצן יאָר וואוינט קאָוונער־גראַדסקי אין לאָס אַנדזשעלעס. פריער האָט ער אין משך פון אַ סך יאָרן — זינט ער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע — געוואוינט אין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק איז קאָוונער־גראַדסקי געווען באַקאַנט פּראָפעסיאָנעל ווי אַ פאָטאָגראַפּיסט און מאָלעריי איז געווען זיינע אַ זייטיקע באַשעפטיקונג. אָבער אפילו ווי אַ פאָטאָגראַפיסט האָט ער זיך קונה שם געווען ווי אַ קינסטלער. ער האָט באַוויזן, אַז פאָטאָגראַפיע, ווי אַנדערע קונסטן, קען געבן אויסדרוק צו מענטשנס ליידנשאַפט צו אַנטפּלעקן אמת. די שנעלע פאַרגליווערונג פון אַ מאָמענט; די צומצענטרישע אויסדרוקן פון געפילן און ליידנשאַפטן אויפן מענטשלעכן פּנים און די סתירות וואָס צווישן ליידן, לויטערקייט אָדער יאוש; די שיינקייט פון דער נאַטור־סביבה וואָס רינגלט אַרום מענטש און סיי די עשירות און סיי די צעטומלטקייט מיט וואָס מענטש פאַרנעמט עס דורך זיינע שטימונגען — דאָס אַלץ קאָן אַ פאָטאָגראַפירער אויפכאַפּן מיט זיין אַפּאַראַט אין אַ זין פון צייטלאָזיקייט און פּינקטלעכקייט. און די פעאיקייט דאָס צו טאָן האָט קאָוונער־גראַדסקי דערגרייכט אין אַ היפּשער מאָס.

אָבער פאָטאָגראַפיע איז פאָרט ניט קיין שעפערישע קונסט. אַ פאָטאָגראַפיסט קען נאָר זיין עמפּינדלעך אויפצוכאַפּן די שעפערישע שיינקייט פון דער נאַטור, אָבער קיין אייגענע שעפערישקייט קען ער ניט אַרויסברענגען. אַ חוץ דעם איז אין אַ פאָטאָגראַפיש בילד אַלץ פאַרגליווערט. ס'איז דער אויסדרוק פון דעם אָביעקט אין דעם מאָמענט ווען ס'איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן. ניט פאַראַן אין דעם די שפּרודלדיקייט פון לעבן אין זיינע אומוואַנדלונגען וואָס אַ מאָלער קאָן אַריינגעבן אין זיין בילד. דעריבער האָט קאָוונער־גראַדסקי ניט געקראָגן קיין גייסטיקע צופרידנקייט פון זיין פּראָפעסיע. פאָטאָגראַפיע איז געווען דער יגיע כפּו, אָבער זיין נשמה האָט זיך געלייטערט אין מאָלעריי, וואָס צו דעם האָט ער געווידמעט זיין פרייע צייט.

איצט האָט קאָוונער־גראַדסקי אויפגעגעבן פאָטאָגראַפיע. זינט ער האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס האָט ער זיך געווידמעט דורכאויס צו מאָלעריי און האָט דערביי דערגרייכט גאָר הויכע מדרגות. ער איז זייער פּראָדוקטיוו. זיין סטודיאָ איז אָנגעפילט מיט צענדליקער בילדער וואָס ער האָט געמאָלן אין די לעצטע יאָרן. אַלערליי בילדער אויף אַלערליי טעמעס: אַן עשירות פון קונסט־אויסדרוק, אַ שלל

פון פאַרבן און קאָלירן — פאָרטרעטן, פייזאַזשן, שטיללעבנס, מענטש, נאַטור און וואָס ניט.

וואָס שייך סטיל איז קאָוונער־גראַדסקי געוויינלעך ראַציאָנאַל אין אויסערלעכער פאָרם און רעאַליסטיש אין אויפפאַסונג, און איז דעטאַליזירט סיי בנוגע טעכניק און סיי פאָרם. די דיסאָנאַנסן אין זיינע בילדער פילן זיך אָפט ווי זייער היפוך — אַקצענטן. ער איז אומעטום גענייגט צו סינטעטישער אויפפאַסונג. ס׳קאָן זיך אַמאָל דוכטן אַז ער טרייבט איבער, אָבער ס׳איז ניט אַזוי. ער איז ראַפינירט, אויך צאַרט. דער עיקר, ער איז ליריש. ער איז בשום אופן ניט קיין אָנשטעל. ער איז עכט. זיינע בלומען און שטיללעבנס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט אַזויפיל פראַכט, אַז ס׳פילט זיך ממש זייער אַראָמאַט, זיינע קאָמפאָזיציעס פאַרמאָגן אַזויפיל אַטמאָספערע, אַז דאָס בליק ווערט שיער ניט פאַרשיכורט איבער זיי.

אַ פאָר ביישפילן:

אַ בילד וואָס ער רופט אָפגעזונדערטקייט. ס׳איז אַ לאַנדשאַפט וואו עס ווערט פאָרגעשטעלט אַ פליסיק טייכל אַרומגערינגלט מיט ביימער. עס פילט זיך דער אָפגלאַנץ און דער שימער פונעם וואַסער און די ביימער זיינען אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ בולטקייט, אַז ס׳דוכט זיך מ׳קאָן פילן יעדעס בלעטל. ס׳איז דאָ אַן עשירות פון קאָליר און באַוועגונג.

און אָט איז אַ צווייט בילד וואָס מאַכט אַ נאָך מער אומגעוויינלעכן, ממש מיסטישן איינדרוק: ס׳איז אַ פאַנאָראַמע באַאיינפלוסט פון אַ זון־פאַרגאַנג אין זיינע הערלעכסטע קאָלירן. אָבער דאָס איז ניט דער עיקרשט פונעם בילד, נאָר זיין הינטערגרונט. דער עיקרשט פון דעם בילד ווערט דאָמינירט פון אַ לאַנגפוסיקן און לאַנגהאַלדזיקן זשוראַוו, וואָס שטייט אין אַזאַ אויסדריקלעכער פאָזע און איז אַזוי האַרמאָניש איינגעפאַסט אין די קאָלירן פונעם הינטערגרונט, אַז ס׳שאַפט זיך די אילוזיע אַז דער פויגל איז פאַרכאַפט געוואָרן פון דער מיסטיק, וואָס איז פאַרהוילן אין אָט־דער נאַטור־דערשיינונג, וואו הימל און ערד צעצונטערן זיך אין אַן עקסטאַז פון פאַרבן. ס׳איז מיסטיציזם אויסגעדריקט אין אַ ווירלווינט פון קאָלירן. משמעות, דער זשוראַוו איז אַריין אין אַזאַ התלהבות דורך דעם שימער פון די אומגעוויינלעכע אָראַנדזש־רויט־פור־פור־גרינע וויבראַציעס פון קאָלירן, אַז ס׳טוט אין האַרצן זינגען שירה צו די קינסטלערישע כוחות פון דער נאַטור, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט אָט־דעם פראַכט; ווי דער זשוראַוו וואָלט איז זיך איינגעזאַפט די פאַרבן און דערביי ווערט ער אַליין פון זיי פאַרשלונגען.

קאָוונער־גראַדסקי איז אויך דער מייסטער פון פאָרטרעט. ער האָט אַ היפשע צאָל בילדער פון באַקאַנטע יידישע פערזענלעכקייטן: פרץ הירשביין, יעקב שאַצקי, מענדל עלקין און אַנדערע.

צו מאָלן אַ פאָרטרעט איז שווער. שווער אפילו ווען דער מענטש פאָזירט פאַרן מאלער. אָבער קאָוונער־גראַדסקי איז אויך אין דעם אַ מייסטער פון טעכניק. און די טעכניק איז זיין אייגענע, ניט קיין קאָפירטע. ס׳איז מער איידער איבערגעבן בילדלעך וואָס ס׳דערשיינט פאַר די אויגן: ס׳איז אַ פאַרטיפונג אין דער נשמה פון מענטש, פאַרבונדן מיט טיפזין, שטימונג, אפילו פאָעזיע און פילאָסאָפיע.

פרץ הירשביינס פאָרטרעט האָט דער עיקרשט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. מ׳זעט גלייך דעם הירשביין וואָס מיר אַלע האָבן געקענט, אים געשעצט, ליב געהאַט און באַוואונדערט. הירשביינס לעבנסבליק האָט געשטאַמט פון דער סביבה פון זיין יוגנט און האָט זיך אַנטוויקלט דורך זיינע רייזעס איבער אַלע עקן וועלט. ער איז געווען אַ נאַטור־מענטש און ליריקער, מער מיסטיקער איידער ראַציאָנאַליסט. ער איז תמיד געווען פול מיט התלהבות און פאַרביטן וואָר אויף חלום. ער האָט אַריינגעטייטשט נשמה ניט נאָר אין מענטש, נאָר אויך אין חיה און אפילו אין אינזעקטן. ער האָט געזוכט צו אַנטפלעקן דעם מיסטישן זין פון דער וועלט אין אַלע נאַטור־דערשיינונגען — פון די קלענסטע ביז די גרעסטע, פון אַ נידעריק גרעזל ביז די הימאַלאַיען, פון דער דינסטער שטימע ביז דעם שטורעמווינט, פון אַ מילב ביז אַן העלפאַנט, פון אַ טראָפן וואַסער ביז דעם אָקעאַן. און אָט דעם פרץ הירשביין האָט זיך קאָוונער גראַדסקין איינגעגעבן פאַרצושטעלן אויפן פאָרטרעט

זלמן זילבערצווייג

# דער יובילאַר שמואל בריינין

כמעט נאָך יעדער אונטערנעמונג, נאָך אַ פאָרשטעלונג, אַ קאָנצערט אָדער אַ לעקציע, פּאַסירט עס, אַז שמואל בריינין האָט עפּעס אַ טענה, אַ באַמערקונג אַ פאָרוואורף, אַן אויסרייד — מיט איין וואָרט, ער האָט עפּעס צו קריטיקירן. דאָס איז ניט מחמת „משה קאַפּויער״, נאָר ס׳איז דערפאַר וואָס ער איז אַ גוואַלדיקער מקפּיד אויף פּינקטלעכקייט, אויף עניוות, אויף געלערזאַמקייט, אויף וויסן און טאַקט. ער איז בטבע קריטיש, און ניט נאָר צו יענעם, נאָר ניט ווייניקער צו זיך אַליין.

נאָך דעם ווי מיר זיינען געזעסן ביי אים אין הויז און ער האָט מיר דערציילט אַ ריי ממש שפּאַנענדיקע עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פון זיין משפּחה אויף יענער זייט ים, וועגן זיין דערציאונג, די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, גייסטיקע און מאַטעריעלע גילגולים, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אין זיינע 90 יאָר,



שמואל בריינין

האָט ער עטלעכע מאָל אַריינגעוואָרפן דעם געדאַנק, אַז אפשר דאַרף מען עס גאָר ניט דערמאָנען, וואָרעם עס קאָן דאָך אַרויסרופן אַ חשד פון באַרימעריי אָדער גוזמאות. אָבער וואָס מער ער האָט גערעדט און אויפגעוויקלט דערינערונגען — און ס׳איז ממש צו באַוואונדערן אויף וויפיל אָט־דער זקן איז באמת יונג, אויף וויפיל זיין זכרון דינט אים צו געדענקען זאַכן פון זיין פריעסטער יוגנט, דעם טאַלאַנט צו שילדערן די פערזאָנען און סיטואַציעס. און דעם טעמפּער מיט וועלכן ער דערציילט דאָס אַלץ — איז ביי מיר אַלץ מער אַנטשטאַנען אַ פאַרקערטער געדאַנק: דער מענטש איז דורכגעגאַנגען אַזאַ אינטערעסאַנטן לעבן, אַז מען וואָלט געדאַרפט טאַקע אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך מיט אָט־די זכרונות, וואָס הגם אין פלוג זיינען זיי פּריוואַטע, פּערזענלעכע, זיינען זיי אָבער אין זיין אומגעוויינלעכער קאָמפּליצירטקייט פון כאַראַקטער. ס׳קוקט בפירוש אַרויס פונעם בילד דער דאָזיקער אומגעוויינלעך סענסיטיווער און טיפער ליריקער מיט זיין פאַרחלומטן בליק, וואָס דרינגט איבער ווייטע האָריזאָנטן און טראַנסצענדענטאַלע מרחקים.

אין קאָוונער־גראָדסקיס פּאָרטרעטן פילט זיך דער דראַנג נאָך באַשיידנקייט, וואָס פירט צו רעאַליזם, אָבער ניט געאַכט אויף דעם, איז דאָ פאָרט אַריינגעפלאָכטן אַ גייסטיקייט וואָס איז דערהייבן. דער רעאַליזם טוט זיך ביי אים סימבאָליזירן. אין זיינע פּאָרטרעטן דערקענט מען דעם קינסטלער וואָס קען אַרויסברענגען די טיף פאַרבאָרגענע געהיימניסן פון מענטשלעכן כאַראַקטער. דאָס איז דאָס ליידנשאַפטלעכע אין קינסטלער, וואָס קריגט אויסדרוק, ווי אַ גילגול, אין די פּאָרטרעטן וואָס ער מאָלט.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צוויי מאָל צו באַזוכן קאָוונער־גראַדסקין אין זיין סטודיאָ און פון מאָל צו מאָל האָט זיך מיין איינדרוק פאַרשטאַרקט, אַז ער איז ניט אַ געוויינלעכער קינסטלער. דערצו איז ער זייער פּראָדוקטיוו, און וואָס מער ער שאַפט אַלץ מער טיפקייט פילט זיך אין זיין קונסט.

בלעטער פון אונדזער יידישער קולטור־געשיכטע, שטיקער פאַרגאַנגען יידיש לעבן,, וואָס וועט זיך מער קיינמאָל ניט צוריקקערן, אָבער וואָס האָבן געלייגט די בריקן פאַר אונדזער איצטיק יידיש לעבן און וועט וואַרשיינלעך באַאיינפלוסן אונדזער יידיש לעבן להבא.

שמואל בריינין, וועלכער איז אַזוי אַקטיוו אין אונדזער יידיש־נאַציאָנאַל לעבן, וועלכער איז איינער פון די ראשונים, וואָס האָבן געשאַפן דעם יידיש־אָאַזיס אין לאָס אַנדזשעלעס: דעם יידישן קולטור קלוב, אַ מוקיר רבנן, האָט אַ גרויסע ביבליאָטעק פון אַלטע ספרים אין העברעאיש, ענגליש, קלאַסיקער און פילאָזאָפיע, זיצט נאָך היינט שעהען לאַנג איבערן תנ״ך, גמרא, ראשונים און אַחרונים און פאַרבייסט מיט אַ ניי נאָר־וואָס דערשינענעם ווערק פון אַ יידישן שרייבער; איז איינער פון די ערשטע, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען און פאַרבליבן אין דער משפחה פון די ל. א. ייוו״א־טוער, איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם בוי פון מדינת ישראל און טאַקע אויף אַרבעטער־יסודות און איז אַקטיוו אין די אַקציעס פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, הסתדרות אד״ג, ביים יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אָבער אָט־דער זעלביקער בריינין איז אַמאָל געשטאַנען גאָר ווייט פון יידישן לעבן, און עס איז מערקווירדיק: זיין דערציאונג איז דווקא געווען אַזאַ, וואָס האָט אים ניט געדאַרפט פירן אויף די וועגן אויף וועלכע ער איז שפעטער אַוועק.

בריינין איז קיין מאָל אין קיין חדר און אין קיין ישיבה ניט געגאַנגען, און דאָך איז ער אַ בקי אין די הייליקע ספרים. אין לאַזנע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט מען געהאַלטן פאַר אים מיט נאָך אַ חבר ספעציעלע מלמדים, און שוין מיט קנאַפע 100 יאָר צוריק איז איינער פון זיינע רבים, מ. יאַפע, געווען אַ קאָרעספאָנדענט פון „הצפירה“, און דער אַנדערער — סתם אַ משכיל, און געלערנט האָט ער ביי זיי תנ״ך און די דעמאָלטיקע העברעאישע ליטעראַטור; און גמרא, אָנגעהויבן ביים זיידן, אַ גרויסער למדן, און שפעטער ביי אַנדערע..

דער פאָטער זיינער איז געווען נאָר אויסערלעך פרום, אָבער באמת איז ער געגאַנגען שוין מיט דער צייט; געהאַט אין זיין גרויסע ביבליאָטעק, אין די פאַרמאַכטע גלעזערנע שאַנקען, צוזאַמען מיט ש״ס און אַנדערע קודשדיקע ספרים, אויך די דעמאָלטיקע מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור. און ווען שמואל האָט זיך אַמאָל צוגעכאַפט צום „מורה נבוכים“, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט אים דער פאָטער אַוועקגענומען דערפון, אָבער ניט מיט קיין פאָרוואורף, נאָר מיט אַ לאָגישע טענה, אַז ער איז נאָך צו־יונג, וועט ניט פאַרשטיין די כוונות פון רמב״ם, און עס קאָן אים נאָר איצט שאַדן, בעת ווען ער וועט עס לייענען אין די שפעטערדיקע יאָרן וועט עס אים ברענגען גרויס נוצן.

בריינין האָט אויך גלייכצייטיק געלערנט וועלטלעכע למודים ביי גוטע פעדאַגאָגן און ביזן עלטער פון 19 יאָר האָט ער ניט געהאַט קיין צוטריט צו קיין בוך אויף יידיש, ביז עס איז אים אין האַנט אַריינגעפאַלן מענדעלעס „קליאַטשע“ און פון דעמאָלט אָן הייבט ער זיך אָן צו אינטערעסירן מיט יידישער ליטעראַטור. די „קליאַטשע“ האָט אים אויך אַרויפגעפירט אויף דעם שליאַך פון סאָציאַליזם וועלכן ער האָט גענומען שטודירן און זיך נעענטער באַקענען מיט זיינע אידייען, און ער ווערט אַריינגעצויגן אין די רייען פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — ס. ר.

איז אָבער באַשערט געווען בריינינען צו האָבן נאָך אַ גילגול: באַקענט ער זיך מיט דעם שפעטער אַזוי באַרימטן לאַצקי־בערטאָלדי אין ריגע, און ווערט דורך אים אַריינגעפירט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — ס. ס. ביידע ווערן גאָר נאָענט. לאַצקי־בערטאָלדי איז אַ פלאַם־פייערדיקער רעדנער, אַ פראָפאַגאַנדיסט. ער רעדט צו סטודענטישע גרופן, צו יידישע פאָלקס־מענטשן. ער איז אָבער זייער וויניק באַקענט אין יידישע מקורות, און ווייל ער וויל אין זיינע רעדעס באַגרינדן זיינע טעאָריעס אויף יידיש־היסטאָרישע יסודות, און היות ווי ער שרייבט זיינע רעפעראַטן אין רוסיש (לאַצקי־בערטאָלדי איז שפעטער געוואָרן אַ יידישער שרייבער און אפילו אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישע צייטונג), גיט אים בריינין די אינפאָרמאַציעס און טעקסטן

וועגן די עטישע פרייהייטס־באַגריפן און פרינציפן פון תנ״ך און גמרא.

וואָלט איך דאָ געקאָנט זיך צעשרייבן וועגן בריינינס אַנטלויפן, אַלס רעוואָלוציאָנער, פון רוסלאַנד, די עקאָנאָמישע גילגולים אין אַמעריקע, וואו ער איז געקומען אין 1903, זיין רייכע היים אויף יענער זייט ים; אָבער אויף זיין, און נאָך מער, ליובאַס דרינגענדיקן פאַרלאַנג, מוז איך דאָס אַלץ אויסלאָזן. דער קריטיקער אין אים טענהט צו מיר: „לאָזט אַרויס אַלץ, וואָס קאָן מיך ׳באַשיינען און באַקרוינען׳. זאָל מען ניט קאָנען אויף מיר, אַז איך האָב ניט געהאַט די מידה פון ׳אַל תבקש גדולה לעצמך ואַל תחמוד כבוד.׳ דערצו, פאַרגעסט ניט, אַז די לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אונדז געקענט און וואָלטן געקאָנט זיין עדות פון די אַמאָליקע געשעענישן, האָבן זיך ניט דערוואַרט ביז מיין 90 יאָריקן יובילײ, און מען קאָן מיט זיי מער ניט קאָנפראָנטירן דאָס אַמאָליקע. אָבער איך זאָג אייך צו, אַז ביי מיין 100 יאָריקן יובל וועל איך דערלויבן צו שרייבן מיין פולשטענדיקע ביאָגראַפיע.״

אונדזערע חכמים האָבן אונדז אָנגעזאָגט, אַז מען מעג נאָר זאָגן „מקצת שבחו בפניו,״ טאָ זאָלן מיר זיך האַלטן ביי אָטדעם אָנזאָג: בריינין מעג זיך האַלטן שטאָלץ, וואָס זיינע עלטערע יאָרן האָבן ניט מבייש געווען זיינע יונגערע, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, אַ דאַנק זיין ערלעכקייט, אויפריכטיקייט און געלערזאַמקייט, אַנערקענונג און דרך־ארץ ביי אַלע מיט וועמען ער קומט אין קאָנטאַקט. אָבער דער אמת איז, אַז בריינינס גרעסטער שטאָלץ איז, וואָס זייער איינציקע טאָכטער און אירע קינדער זיינע טיף יידיש, און דאָס איז אַ דאַנק דעם אופן ווי ער האָט זיי דערצויגן. און ער האָט דערצו דערפונדן אַן אייגענעם פּאַטענט: יעדעס מאָל ווען ער האָט דער טאָכטער, און איבערהויפּט שפּעטער, אירע קינדער, געקויפט אַ מתנה (און געשאַפן אַ סך געלעגנהייטן פאַר אַזעלכע מתנות), איז עס געווען אַ בוך, און אַ בוך פון יידישן אינהאַלט; איז יידישקייט אַריין אין זייער האַרץ, אין זייער מח.

בריינין וואָלט זיך געוואונטשן, און מען מעג זיכער צושטימען דערצו, אַז דאָס זעלבע זאָל פּאַסירן מיט זיינע אוראייניקלעך. זיי זאָלן ניט דאַרפן דורכגיין די פאַרשיידענע גילגולים ווי ער, נאָר באַלד צוקומען צום שורש — יידישקייט.

**שמעון וואוזעק** / ראָטשעסטער, נ. י.

# פ ר י ל י נ ג

די רויזנקנאָספּן ברעכן־אויף אַרום מיין גאָרטנס טויער,
און ס׳רופט דאָס בלוט אין פרילינגדיקן וואַלד.
עס פאָרכט דער הירש מיט אויסגעשטרעקטן אויער,
גרייט אַ שפּרונג טאָן איבערן טייך, צו גראָס ווילדן שאַל.

זע, די רויטע טולפּען אויף דיינע ליפּן בליען,
און פון דיינע אָרעמס שטראָמט די מאַי־נאַכט לופט.
גיב אַ הויב צום טאַנץ די פלינקע קניען,
און שוועב מיט מיר אַהין וואו חוה׳ס בלוט אונדז רופט.

אין דיינע אויגן זיינען די פרילינג־הימלען אָפן —
נעם פון דיינע דימענט־אויגן דאָס ריינסטע בלוי,
און באַשיין מיין פלי צום גן־עדן פון מיין האָפן,
און אונדזער גליק אין מיינע שטאַרקע הענט פאַרטרוי.

# ווער איז ווער צווישן די לייטנדיקע חברים פון לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

## תנחום ברייס
### (לכבוד זיין ווערן אַ בן־שמונים)

עס איז באמת א נחת־רוח אַרויסצוברענגען כאָטש אַביסל אַ פאַרדינסטפולן לעבנס־וועג פון אַ חשובן מענטש, חבר תנחום ברייס, וועלכער איז איצט געוואָרן אַ בן־שמונים, און אים ווינטשן נאָך אַריכת ימים, עד מאה ועשרים, אין פרייד צוזאַמען מיט זיין ליבער לעבנס־באַגלייטערין, חברה טילי

זיין געבוירנטאָג האָט חבר ברייס מיט שטאָלץ און פרייד אויפגעקלערט, אַז ער האָט זיך קיין מאָל ניט משמח געווען מיט מאַטעריעלע רייכקייטן, נאָר ער פרייט זיך תמיד מיט זיינע גייסטיקע און מאָראַלישע עשירות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט דורך זיין לעבנסגאַנג איבער דעם וועג פון מעשים טובים לטובת הכלל.

נאָך גאָר אַ יונגער בחור איז תנחום ברייס געווען ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם „בונד", די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וואָס האָט אַמאָל פאַרכאַפּט די יידישע אינטעליגענץ און אַרבעטער מאַסן און דערפילט אַ היסטאָרישער שליחות אַריינצוברענגען אין אָרעמע יידישע הייזער אַ דערמוטיקונג, אַ גלויבן, אַ האָפענונג פאַר אַ בעסערער צוקונפט, ווי אויך צו אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער פאַרן קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר און פאַר יידישע רעכט און קיום. אָט־די אידעאַלן טראָגט חבר ברייס אין האַרצן ביז היינט־צו־טאָג. צו זיין אַקטיוו און טעטיק אין אַזאַ באַוועגונג ווי די בונדיסטישע האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך גלויבן, מוט און גרייטקייט פאַר מסירת נפש. ברייס האָט עס פאַרמאָגט.

תנחום ברייס איז אין יענער צייט אויך געווען טעטיק אין דער פאַרצווייגטער יידישער קולטור באַוועגונג—די האַרפע. איין מאָל, אין לאָדזש, וואו ער איז געווען אין שליחות פאַר אָט־דער אָרגאַניזאַציע, האָט מען געמאַכט אַ קבלת־פנים פאַרן זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים. תנחום ברייס האָט אים באַגריסט אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע, אויסדריקנדיק דעם געדאַנק, אַז זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין דער זעלבער שליחות אין לאָדזש. „דאָס איז אַן עפּיזאָד אין מיין לעבן וואָס איך קאָן ניט פאַרגעסן," באַטאָנט ברייס.

קומענדיק קיין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק, וואו דער גרעסטער טייל אַרבעטער איז געווען ניט אָרגאַניזירט און די אַרבעטס באַדינגונגען זיינען געווען שלעכטע, האָט תנחום ברייס מיט פיל שוועריקייטן אָרגאַניזירט אַ יוניאָן פון די אַרבעטער פון זיין פאַך, און נאָך אַ קאַמף דערוואָרבן העכערע שכירות, קירצערע אַרבעטס־שטונדן און בעסערע באַהאַנדלונגען. דערצו איז אַריינגעגעבן געוואָרן אַ רוח חיים אין די אַרבעטער פאַר בילדונג און קולטור לעבן. ברייס איז גלייכצייטיק געוואָרן אַקטיוו אין דער אַלגעמיינער טרייד־יוניאָן באַוועגונג, צו העלפן אָרגאַניזירן די אַרבעטער צו דערמעגלעכן בעסערע אַרבעטס באַדינגונגען. ער האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, וואו ער פירט אָן אַן ענערגישע טעטיקייט.

אַ שיינער קאַפּיטל אין ברייסעס לעבן איז זיין ביישטייער צו דער היסטאָרישער פּיפּלס רעליף באַוועגונג פאַר די יידישע מלחמה געליטענע אין אייראָפּע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט בלב ונפש מיטגעאַרבעט אין אַ פירנדער ראָלע, געווען דער פאַרוואַלטער פון דער קליידער־אַקציע און פון אַנדערע אַקציעס.

קומענדיק קיין לאָס אַנדזשעלעס איז ברייס געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד אין יידישן קולטור־קלוב און איז אַקטיוו די גאַנצע יאָרן זינט ער האָט זיך דאָ באַזעצט. ער האָט פיל ביי געטראָגן אין איינאָרדענען די קולטור־אָוונטן. פאַר פילע יאָרן האָט ער איינגעאָרדנט די קולטור־פּראָגראַמען פאַר די מאָנטאגס; איז איצט איינער פון פּרעזידיום פון קלוב; אַ מיטגליד אין דעם קולטור־קאָמיטעט, וואו ער העלפט מיט זיין אינטעליגענץ דורכצופירן די אַקטיוויטעטן פון קלוב.

יהושע גרינהאָף / ניו־יאָרק

# אויף די וועגן פון אַמאָל

פיר מיך אויף די אַלטע וועגן פון אַמאָל
וואו אונדזער זון איז אויפגעגאַנגען.
צו אונדזער צוגעזאָגטן לאַנד,
וואָס האַלט די הערצער אונדזערע געפאַנגען.

פיר מיך אויף די וועגן וואָס באַלויכטן זיינען
פון ישראלס זון און שטערן,
צו יענע טאָלן, יענע בערג, וואו אָפקלאַנג
פון די אָבות־טריט מיין אויער וועט דערהערן.

פיר מיך אויפן וועג פון אונדזערע נביאים,
וואָס האָבן דאָ געשפּרייט גאָטס תורה און גאָטס וואָרט.
פיר מיך אויפן וועג פון אונדזערע נזירים,
אין די פעלדן פון די בערג באַהאַלטן דאָ און דאָרט.

ווי דער פויגל פליט מיט פליגלען אויסגעשפּרייטע,
זוכנדיק זיין נעסט וואָס ער'ט פאַרלוירן —
זוכט אַזוי מיין האַרץ, מיין היים, מיין לאַנד,
דורך לאַנגע דורותדיקע גלות־יאָרן.

---

זינט 1913 איז ברייס אַן אַקטיווער מיטגליד אין אַרבעטער רינג, וואו ער האָט פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין דער פירערשאַפט. איצט איז ער דער פאָרזיצער פון מעדעם צווייג און איז אַ מיטגליד פון דעם קרייז־קאָמיטעט. אין משך פון יאָרן איז ער געווען אַ דעלעגאַט צו קאָנווענשאַנס פון אַרבעטער רינג.

צו ברייסעס פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייטן קאָן צוגערעכנט ווערן דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, וואו ער איז וויצע־פאָרזיצער פון ל. א. ייוו"א קאָמיטעט, איז אויך געווען עטלע־כע מאָל דעלעגאַט צו די ייוו"א קאָנווענ־שאַנס און איז בכלל אַן איבערגעגעבענער עסקן.

דערביי איז ווערט צו באַטאָנען אַז תנחום ברייס איז געבענטשט מיט אַ כוח הסברה און אינטעליגענץ אַרויסצוברענ־גען אַן אָפּהאַנדלונג פאַר אַן עולם און איינלייטן אַ פּראָבלעם פאַר אַ דיסקוסיע. תנחום ברייס פאַרמאָגט אויך די מידה פון חברישע באַציאונגען בין אָדם לחברו.

בן שמונים לגבורה, ווערט געזאָגט אין פּרקי אָבות, און צו אונדזער ליבן תנחום ברייס איז עס וואונדערלעך צוגעפּאַסט, ווייל ער איז מלא וגדיש מיט גייסטיקער און אינטעלעקטועלער גבורה.

אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער פון יידישן קולטור קלוב דריק איך אויס אונ־דזער אַלעמענס וואונטש צו תנחום ברייס, אַז אין משך פון נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן זאָל זיין גבורה אָנהאַלטן, גייסטיק ווי פיזיש, צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי.

חזקו, חזקו, תנחום און טילי ברייס עד מאה ועשרים!

מאָריס זילבערט
פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר

מרים מעלצער / אָוקלאַנד, קאַליפ.

# שבת אין גבעתיים

רחוב המעורר, אַ געסעלע אַ דרימל,
פאַרוואקסן מיט ביימער וואָס ציען זיך צום הימל;
געלאָדן מיט גרינס, אַ תימנער מיט אַן אייזל ביים צוים,
איילט זיך אויף שבת אַהיים.
ס'איז פרייטיק פאַרנאַכט, דאָס געסל מיט שכינה אַרומגענומען,
דער לעצטער אָטאָבוס איז צום מושב אָנגעקומען,
פאַרשפעטיקטע איילן זיך אַהיים מיט שבת־בלומען.
קינדערלעך קומען זייערע טאַטעס אַנטקעגן,
דער שבת־שלום קלינגט אויף אַלע וועגן און שטעגן.
סע יאָגן זיך פרויען, סע יאָגן זיך מענער,
צו מאַכן די לעצטע הכנות, דער שבת זאָל זיין שענער.

די זון איז פאַרגאַנגען, די ליכט שוין געבענטשט,
אין שטוב רוט די שכינה, אויפן טיש, אויף די ווענט.
דער טאַטע מאַכט קידוש, הייבט צום הימל די הענט,
און געבעט צום אַלמעכטיקן, ער זאָל די תפילה דערהערן,
אַז די רואיקייט פון שבת זאָל דער שונא ניט שטערן.
מען זינגט נאָכן עסן זמירות צו גאָט,
פון פענצטער זעט זיך ס'ליכט פון דער נאָענטער שטאָט,
מ'זעט שפּאַצירן אַן אַלטינקע פּאָר מיט געמיטלעכן טראָט,
פון די פענצטער אין געסל שיינען שבת־ליכט אָפּ,
די לבנה און שטערן קוקן פריידיק אַראָפּ.
פון וויטן קומען יונגע פּאָרלעך מיט הילכיקן טראָט,
זיי קומען פון תל־אביב, די נאָענטע שטאָט,
זיי טומלען, זיי ריידן, פאַר זיי איז ניטאָ קיין פאַרבאָט,
דאָס זיינען די שיצער פון לאַנד, פון דאָרף און שטאָט.

---


# פרץ הירשביין צווייג 352

## יידיש - נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

אונדזערע האַרציקסטע ברכות צום ל. א. יידישן קולטור־קלוב.
מיר דריקן אויס אָנערקענונג צו די באַאַמטע און געטרייע טוער.
מיר באַגריסן זיי פאַר אַ פּראָדוקטיווע פאַרגאַנגענהייט און
ווינטשן זיי אַ גלענצענדע צוקונפט.

מאַריס דייטש, פאָרזיצער
יצחק ניומאַן }
מאיר קעסטל } סעקרעטאַרן

# 42־טער יאָר טעטיקייט

פון

# לאָס אנגעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

„אַ קולטור־צענטער פאַרן יידישן מענטשן אין אַ יידישער סביבה״

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי, תשכ״ח — אָקטאָבער, 1967



# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angeles, Calif. 90029

NOrmandy 4-9325

# דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

פון מאָריס זילבערט (פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר)

דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנגעלעס טרעט איצט אַריין אין דעם 42טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. ביי אָט־דער געלעגנהייט איז ווערט צו באַטאָנען, אַז דער קלוב קען מיט צופרידנקייט און אפילו מיט שטאָלץ באַהויפּטן, אַז אין משך פון די דאָזיקע פאַרגאַנגענע יאָרן זיינען דערפילט געוואָרן די אויפגאַבן וואָס מען האָט זיך לכתחילה געשטעלט ביי זיין גרינדונג — „אויב ניט נאָך העכער.“

די קליינע גרופּע מענטשן, וואָס האָט געגרינדעט דעם קולטור־קלוב, האָט עס געטאָן מיטן געדאַנק צו שאַפן פאַר זיך אַ סביבה אין וועלכער דער יידישער קולטור־מענטש זאָל זיך קענען אויסלעבן גייסטיק־קולטורעל. זייער ציל איז ניט נאָר דערגרייכט געוואָרן, ער האָט אפילו איבערגעשטיגן אַלע זייערע דערוואַרטונגען. אין משך פון די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן זיך די טעטיקייטן פון קלוב אויסגעברייטערט און פאַרטיפט. עס איז אַנטשטאַנען אַן אמתדיק קולטור־היים פאַר גרויסע מאַסן יידישע מענטשן — פון אַלערליי „איזמען“ — וואָס זיינען פאַראייניקט אין איין געמיינשאַפטלעכן ציל: אויסבולעבן זיך יידישלעך און אָנצוהאַלטן און פאַרצווייגן דעם יידישן המשך.

עס איז ניט קיין גוזמא צו באַהויפּטן אַז דער יידישער קולטור־קלוב איז ניט נאָר דער איינציקער יידישער קולטור־צענטער אין לאָס אַנגעלעס, נאָר לויט זיין כאַראַקטער און טעטיקייט איז ער אַ יחיד במינו איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס איז אַ קלוב וואָס ווידמעט זיך מיט ליבשאַפט צום יידישן לשון, שטיצט און פאַרשפּרייט דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט און דורך די וועכנטלעכע לעקציעס און קולטור־אָוונטן, וואָס ווערן אָפּגעהאַלטן אין דעם אייגענעם רחבותדיקן און שיינעם בנין, פאַרשאַפט ער אַן עונג רוחני צו די ברייטע שיכטן פון די לאָס אַנגעלעסער יידישע פאָלקסמאַסן.

נאָך אַן אייגנאַרטיקע דערשיינונג, וואָס דער קלוב פאַרמאָגט, איז ווען מען עפנט די טיר פון זיין בנין, גיבן פאַר אייך אַ שיין די בילדער פון יידישע שרייבער, דיכטער, קינסטלער, געלערנטע, היסטאָריקער און נאַציאָנאַלע פירער, וועלכע זיינען באַהאַנגען אויף די ווענט פון קלוב.

עס איז באמת שווער איבערצוגעבן דאָס געפיל וואָס מען פילט דערביי. איר לעבט דורך אַ געפיל ווי מען וואָלט פלוצלונג אַריינגעגאַנגען אין אַ מקום קדוש, וואו עס שטייען פאַר אייך די שעפערס פון יידישער ליטעראַטור, פּאָעזיע, תורה און חכמה.

צום באַדויערן, זיינען די מערסטע פון זיי שוין אויף דעם עולם האמת — פילט מען דערביי אויך אַ יזכור־טרויער געפיל, אָבער אין מאָמענטן זעט איר זיי פאַר זיך ווי לעבעדיקע און איר פאַרדעקט דאָס פּנים, ווי מען וואָלט געקוקט אין ליכטשטראַלן.

דער גרויסער עולם, וואָס קומט אין קלוב צו די קולטור פאַרזאַמלונגען, קומען אַהין רעגלמעסיק, ווי רעליגיעזע יידן קומען אַריין אין אַ שול און אַ בית המדרש, מיט טיפן גלויבן און יראת הכבוד. ווען מען לייענט פאַר אין קלוב אַ ליטעראַריש ווערק, אָדער מען רעדט וועגן אַ שרייבער, אַ דיכטער אָדער סתם אַ ליטעראַרישע שאַפונג, דוכט זיך ווי דער שעפער זעלבסט, וואָס זיין בילד הענגט אויף דער וואַנט, שטייט פאַר אייך אַ לעבעדיקער.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען די רעדנער, לעקטאָרס, וואָרטקינסטלער און מוזיקאַלישע טאַלאַנטן, וועלכע זיינען אויסגעטראָטן אין קלובס קולטורעלע פּראָגראַמען אין משך פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. כמעט יעדער יידישער שרייבער, געלערנטער און קינסטלער פון באַדייטנדן פאַרנעם, פון אַלע פאַרשיידענע ריכטונגען, זיינען אויסגעטראָטן ביי די קולטור־אָוונטן.

דער קלוב ווידמעט ספּעציעלע פּראָגראַמען פאַר יידישע ימים טובים, אין וועלכע עס ווערן אויפגעקלערט און באַטאָנט דער היסטאָרישער באַדייט פון באַ־

טרעפנדן יום־טוב; דאָס גלייכן די ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע פּראָגראַמען זיינען צוגעפּאַסט צו די כאַראַקטערן פון די ימים טובים וואָס ווערן געווידמעט יענעם אָוונט.

דער קולטור־קלוב פירט דורך — יאָר איין און יאָר אויס — ספּעציעלע פּראָגראַמען געווידמעט די פייערונג לכבוד דעם חודש פון יידישער מוזיק און געזאַנג, וואו עס ווערט אַרויסגעבראַכט דעם פאַרנעם און היסטאָרישע אויפקלערונגען פון דער פאַרצווייגטער יידישער נגינה און מוזיק אין יידישן לעבן.

דאָס גלייכן ווערט יעדן יאָר געווידמעט אַ ספּעציעלער קולטור־אָוונט, לכבוד דער פייערונג פון יידישן בוך־חודש, וואו עס ווערט אַרויסגעבראַכט דער גרויסער פאַרנעם פון יידישן ליטעראַרישן וועזן, און דער באַדייט פון יידישן שרייבער אין דער יידישער וועלט.

דער קלוב פאַרמאָגט אַ שיינע ביבליאָטעק און לייען־צימער, מיט טויזנטער און טויזנטער ביכער און ספרים, די מערסטע אין יידיש, פון אַלע יידישע קלאַסיקער און פון אַלע נייעסטע אויסגאַבן, ווי אויך יידישע צייטונגען און זשורנאַלן.

אָט־די גרויסע ביבליאָטעק איז באמת אַ שטאָלץ פאַרן יידישן קולטור־קלוב.

מיט טיפע חשיבות איז ווערט אָנצומערקן, אַז עס קומט אַ יישר־כוח דעם ביבליאָטעק־פאַרוואַלטער, נתן אַזאָלין, וועלכער גיט אַוועק זיין צייט מיט אַ סך איבערגעבנקייט פאַר דער ביבליאָטעק. ער איז אַ ייד אַ משכיל, אַ ליטעראַטור־פאָרשער און איז פאַרטאָן אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק בלב ונפש. ער שטעלט צונויף איצט אַ קאַטאַלאָג פון די ביכער און מען האָט געדאַרפט באַטראַכטן ווי ער שרייבט אַריין די ביכער אין קאַטאַלאָג, פּונקט ווי אַ סופר שרייבט אַ ספר־תורה.

ביכער ווערן אַרויסגעגעבן צו מיטגלידער פון קלוב צו לייענען אין זייערע היימען. אין ביבליאָטעק זיינען אויך דאָ אַ טייל ביכער אין העברעאיש און ענגליש.

דער זשורנאַל „חשבון“, וואָס דערשיינט פיר מאָל אַ יאָר, אַרויסגעגעבן פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע שרייבער, האָט זיך דערוואָרבן אַ שם־טוב אַלס אַ ליטעראַרישער זשורנאַל.

עס איז לעצטנס געלונגען צו פאַראינטערעסירן דעם באַקאַנטן שרייבער פון ניו־יאָרק, אַריה פּאָזי, צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון „חשבון“. אַריה פּאָזי האָט זיך לעצטנס באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס און די לעצטע עטלעכע נומערן „חשבון“ זיינען דערשינען אונטער זיין רעדאַקציע.

ווען דער ערשטער נומער „חשבון“ איז דערשינען אין 1946, איז עס פון אָנפאַנג געווען אַ יערלעכע אויסגאַבע. מיט זעקס יאָר שפּעטער איז דער „חשבון“ געוואָרן אַ שטענדיקע פערטל־יאָריקע אויסגאַבע, מיט דער אויפקלערונג, אַז אַזוי ווי לאָס אַנדזשעלעס איז געבליבן אָן אַ געדרוקטן וואָרט אין יידישן לשון, וועט אין „חשבון“ געגעבן ווערן אינפאָרמאַטיווע נייעס און באַלייכטונגען פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור לעבן, און עס וועט דערפילן דעם חלל פון יידישגעדרוקטן וואָרט אין לאָס אַנדזשעלעס. מיט דער צייט איז דער „חשבון“ געוואָרן אַ פּאָפּולערער און אַנערקענטער ליטעראַרישער זשורנאַל, וואָס דערשיינט רעגלמעסיק פיר מאָל אַ יאָר — איצט אונטער דער רעדאַקציע פון דעם שריפטשטעלער אַריה פּאָזי.

דער קלוב ציט זיין גייסטיקע יניקה פון אונדזערע אמתע קולטור־ווערטן און אוצרות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן זינט דורות. פון סאַמע געבורט אָן איז דער קולטור־קלוב אַ יידישע אינסטיטוציע מיט אהבת יידיש לשון, זיך ניט אונטערגעגעבן צו דער שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס באַהערשט אַזוי שטאַרק אונדזער יידישע גאַס.

ס'איז אינטערעסאַנט און ווערט צו באַמערקן, אַז ווען יידישע מענטשן קומען פון אַנדערע שטעט קיין לאָס אַנדזשעלעס, צי פאַר וואַקאַציע, צי זיך צו באַזעצן, איז דער יידישער קולטור־קלוב די ערשטע אינסטיטוציע וואָס זיי באַזוכן.

זיי קומען צו די קולטור־אָוונטן, פּשוט זיך אָנוואַרעמען מיט דער גייסטיקער יידישער וואַרעמקייט. דער קלוב איז שטאָלץ מיט דעם, און פאַרבעט אַלעמען וואָס קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, צו באַזוכן דעם קלוב און די קולטורעלע אָוונטן. זיי וועלן באמת געניסן אַן עונג רוחני.

# באַאמטע און אַדמיניסטראַציע פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

## פאַר דעם יאָר 1967-1966

**פּרעזידיום:**

יצחק סאַפּיאַן ע"ה
תנחום ברייס
שלמה צוקערמאַן
אַברהם שוואַרץ

**פינאַנץ־סעקרעטאַר:**

סעם לעווין

**קאַסירער:**

פייוול לערנער

**פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר:**

מאָריס זילבערט

**בריוו־פאַרוואַלטער:**

מאיר לעדערמאַן

**הויז־פאַרוואַלטערס:**

מאַניע פאַרבער
מאָריס ווינאַרסקי

**ביבליאָטעקאַר:**

נתן אזאָלין

**רעדאַקציע פון „חשבון":**

אריה פאָזי, רעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר

**„חשבון" פאַרוואַלטער:**

י. וויינמאַן
יצחק סאַפּיאַן ע"ה

---

## רשימה פון די ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־אָוונטן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב פאַר דעם 41-טן זמן — 1967-1966

א) שבת אָוונט, 3טן סעפּטעמבער, 1966 — געווידמעט דעם קאָמיטעט פון די טעטיקע פרויען פון קולטור קלוב, וואָס האָבן דורכגעפירט דערפאָלגרייך די יערלעכע געלט־קאַמפּאַניע. מען האָט באַערט די חברות מיני שוואַרץ און צילי צוקערמאַן, די אָנפירערינס, מיט דער מיטהילף פון די חברות: שרה ווינאַרסקי, חנה לערנער און מאַניע פאַרבער. מען האָט אויסגעדריקט צו זיי טיפע אַנערקענונג און אַ יישר־כוח. אין פּראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: דער בעל־מנגן, חזן העראָלד גרין, און דער באַגאַבטער פּאָרלייענער, חבר דוד מאַרסעל. חברה צילי צוקערמאַן איז געווען פאָרזיצערין פון אָוונט, וואָס איז געווען דער שלוס פון דער פינאַנציעלער אַקציע פאַרן קלוב.

ב) שבת אָוונט אָקטאָבער 1 — סוכות פייערונג, ווי אויך די אינסטאַלירונג פון די ניי־דערוויילטע באַאַמטע פאַרן קלוב פאַרן יאָר 1967-1966. אין פּראָגראַם: ישראל גובקין, פּעדאַגאָג, היסטאָריקער און לעקטאָר, אין אַ רעפעראַט וועגן יום־טוב סוכות; חזן העראָלד גרין—געזאַנג. תנחום ברייס האָט אינסטאַלירט די ניי־דערוויילטע באַאַמטע. שלמה צוקערמאַן האָט אָנגעפירט מיטן אָוונט.

ג) שבת אָוונט, אָקטאָבער 15 — די דערעפענונג פון די קולטור־אָוונטן און טעטיקייטן פונעם נייעם זמן. דער העברעאיש־יידישער שוישפילער און וואָרט־קינסטלער, חיים אָסטראָווסקי, האָט אָפיציעל געעפנט די קולטור־טעטיקייט פאַרן נייעם זמן מיט אַ באַגריסונג צום 41טן יאָרטאָג פון קלובס עקזיסטענץ; עסטעל מאַרלאָו, באַגאַבטע זינגערין—אין אַ ציקל לידער; זיגמונד לעוו, דער באַגאַבטער קינסטלער פון יידישן וואָרט—אין אַ פאָרלייענונג; מישאַ לעגנאַ, טאַלאַנטירטער טשעליסט, מיט שענאָן געלסאָן ביי דער פּיאַנאָ, האָבן געשפּילט יידישע

ניגונים. תנחום ברייס, פֿאַרזיצער.

ד) שבת אָוונט, אָקטאָבער 22 — דר. חיים ראַטבלאַט, באַקאַנטער שריפֿטשטעלער, פּעדאַגאָג און לעקטאָר — אַ רעפֿעראַט אויף דער טעמע: „ר' נחמן בראַצלאַווער, דער מענטש און דענקער"; חזן הערלד גרין אין געזאַנג פּראָגראַם. אברהם שוואַרץ, פֿאַרזיצער.

ה) שבת אָוונט, אָקטאָבער 22 — דער באַקאַנטער יידישער געלערנטער און לעקטאָר, רבי בערנאַרד קאָהן — אין אַ רעפֿעראַט אויף דער טעמע: „די גאָלדענע עפּאָכע און איר איינפֿלוס אין יידישן לעבן." דער באַוואוסטער מנגן, חזן הערשעלע וואָלפּיש, האָט געזונגען ליטורגישע, יידישע און העברעאישע פֿאָלקס - לידער. שלמה צוקערמאַן, פֿאַרזיצער.

ו) שבת, נאָוועמבער 5 — אַן אָוונט געווידמעט דעם באַקאַנטן יידישע פּאָעט י. י. שוואַרץ. דער יידיש-העברעאישער שוישפּילער און וואָרט-קינסטלער, חיים אָסטראָווסקי, האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פֿון פּאָעט י. י. שוואַרץ און פֿאָרגעלייענט פֿון זיינע שאַפֿונגען; געזאַנג פֿון יידישן פֿאָלקס-ליד, פֿון בוירניס אַשדאָן. אַבֿרהם שוואַרץ, פֿאַרזיצער.

ז) שבת אָוונט, נאָוועמבער 12 — געווידמעט שמואל יוסף עגנון, דעם באַרימטן העברעאישן שרייבער אין מדינת ישראל, וועלכער האָט געקראָגן דעם דעם נאָבעל-פּרייז פֿאַר ליטעראַטור. אַ רעפֿעראַט פֿון רבי חיים וויינשטיין, באַוואוסטער געלערנטער און לעקטאָר, אויף דער טעמע: „צוויי תקופות אין דער יידיש-העברעאישער ליטעראַטור, די פֿאַרגאַנגענע עפּאָכע און די איצטיקע." דער באַגאַבטער פֿידל-קינסטלער לעאָן פּילד — אין יידישע קאָמפּאָזיציעס. יצחק סאַפּיאַן, פֿאַרזיצער.

ח) שבת אָוונט, נאָוועמבער 19 — דער גאַסט פֿון ניו-יאָרק, דר. שמואל לאַפּין, גענעראַל דירעקטאָר פֿון דער ייוו"א, האָט רעפֿערירט אד"ט: „וואָס טוען מיר אויפֿצוהאַלטן די יידישע וויסנשאַפֿט."

דער רעדנער האָט אַרויסגעבראַכט די פֿאַרצווייגטע וויכטיקע ראָלע וואָס די „ייוו"א שפּילט אין יידישן לעבן, אַנדערש ווי אין די פֿריערדיקע יאָרן, און באַטאָנט די צוגרייטונג פֿון דער ייוו"א פֿאַר אַ נייעם יידיש-ענגלישן ווערטערבוך. פֿאַרלייענונגען פֿון דעם באַגאַבטן רעציטאַטאָר אברהם זיגעלבוים. תנחום ברייס, פֿאַרזיצער.

ט) שבת אָוונט, נאָוועמבער 26 — מוזיק פּראָגראַם מיט דער באַטייליקונג פֿון דער שענאָן געלסאָן טריאָ: היימאַן גאָלד, טשעליסט; יוסף האַרדינג, פֿידל, און שענאָן געלסאָן, פּיאַנאָ. דער אָוונט איז געווען געווידמעט דעם חודש פֿון יידישער מוזיק. יצחק סאַפּיאַן, פֿאַרזיצער.

י) שבת אָוונט, דעצעמבער 3 — דער באַוואוסטער געלערנטער, פּעדאַגאָג און לעקטאָר, אַבֿרהם גאָלאָמב, האָט רעפֿערירט וועגן „אויספֿירן פֿון יידישער געשיכטע"; געזאַנג פֿון חזן ברוך קאַהאַן; שענאָן געלסאָן ביי דער פּיאַנאָ.

יא) שבת אָוונט, דעצעמבער 10 — חנוכה פֿייערונג. דער פּאָעט פּינטשע בערמאַן האָט רעפֿערירט אד"ט: „די באַדייטונג פֿון חנוכה פֿאַר אונדזער דור."; דער מנגן און פֿאָלקס-זינגער, חזן הערלד גרין, אין אַ געזאַנג פּראָגראַם פֿון חנוכה לידער; שענאָן געלסאָן—פּיאַנאָ באַגלייטונג. שלמה צוקערמאַן, פֿאַרזיצער.

יב) שבת אָוונט, דעצעמבער 17 — געווידמעט דעם אָנדענק פֿון דעם יידישן שרייבער, מחבר פֿון וויכטיקע ווערק, י. י. טרונק. סערגעי נוטקעוויטש, פּעדאַגאָג און לעקטאָר, האָט רעפֿערירט אד"ט: „י. י. טרונק, שרייבער, דיכטער און פֿריינט." היימאַן גאָלד האָט געשפּילט אויף דער טשעלאָ יידישע און קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס. שענאָן געלסאָן ביי דער פּיאַנאָ.

יג) שבת אָוונט, דעצעמבער 24 — דער יערלעכער צוזאַמענקונפֿט פֿון מיטגלידער פֿון קלוב. עס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן באַריכטן: שמואל לעווין, פֿינאַנץ-סעקרעטאַר, וועגן די פֿינאַנצן

פון קלוב; יצחק סאַפּיאַן, וועגן די קול־
טור־אָוונטן, און בכלל וועגן צושטאַנד
פון קלוב. די עמנואל פּאַרל, ישראל
זינגער און שפּילער האָבן דורכגע־
פירט אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם; אויך
געזאַנג בציבור.

## 1967

יד) שבת אָוונט, 7טן יאַנואַר, 1967 — אַ
קבלת פנים פאַר אריה פאַזי, דעם
שרייבער, פּעדאַגאָג און לעקטאָר פון
ניויאָרק, צו זיין באַזעצן זיך אין לאָס
אַנגעלעס אין זיין באַשטימונג איבער־
צונעמען די רעדאַקציע פון „חשבון“.
יצחק סאַפּיאַן, דער פאַרזיצער פון
אָוונט, באַגריסט אַריה פאַזי און באַ־
טאָנט דאָס מיר זיינען מיט אים דאָפּלט
צופרידן, קודם כל, וואָס אונדז איז גע־
לונגען אַזאַ דערפאַרענע ליטעראַרישע
פּערזענלעכקייט צו קריגן אַלס רע־
דאַקטאָר פון „חשבון“. דערצו, דורך
זיין באַזעצן זיך ביי אונדז אין שטאָט
קריגן מיר צו אַ באַגאַבטן לעקטאָר און
קולטור־עסקן. צו דער געלעגנהייט
האָט אַריה פאַזי געהאַלטן אַ רעפעראַט
אויף דער טעמע: „די תפוצות, ישראל
און קיום פון יידישקייט.“ דער באַ־
גאַבטער שוישפּילער יצחק ראַטבלום
האָט פאָרגעלייענט פון יידישע קלאַ־
סיקער.

טו) שבת אָוונט, יאַנואַר 14 — אַ רעפע־
ראַט פון פּראָפעסאָר משה ליבמאַן,
באַוואוסטער מרביץ תורה, פּעדאַגאָג
און לעקטאָר, אויף דער טעמע: „דאָס
פּלאַץ פון שמואל יוסף עגנון אין אונ־
דזער דורותדיקער ליטעראַטור.“ דער
באַגאַבטער יידיש־העברעאישער שוי־
שפּילער און רעציטאַטאָר, חיים אָס־
טראָווסקי האָט פאָרגעלייענט פון
עגנונס שאַפונגען, וואָס ער, אָסטראָוו־
סקי, האָט איבערזעצט פון העברעאיש.
שלמה צוקערמאַן, פאַרזיצער.

טז) שבת אָוונט, יאַנואַר 21—געווידמעט
דעם באַרימטן יידישן דיכטער, איציק
מאַנגער. שמואל סיגאַל, פאַרנעמער
פּעדאַגאָג און באַגאַבטער לעקטאָר,
רעפערירט אַד“ט: „דער גרויסער
פּאָעט איציק מאַנגער.“ חזן הערלד
גרין האָט געזונגען אַ ציקל פון מאַנ־
גערס לידער. פּיאַנאָ באַגלייטונג פון
ליליען קלעס. שלמה צוקערמאַן, פאַר־
זיצער.

יז) שבת אָוונט, יאַנואַר 28—געווידמעט
דער דערשיינונג פון „קדושים באַנד“
פון טעאַטער לעקסיקאָן. דער מחבר
פון „לעקסיקאָן“, זלמן זילבערצווייג,
האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אַד“ט:
„די צוויי יידישע טרובאַדורן: נחום
שטערנהיים און מרדכי געבירטיג.
יצחק סאַפּיאַן, פאַרזיצער.

יח) שבת אָוונט, פעברואַר 4 — גאַסט־
רעדנער, יעקב כץ, פון שיקאַגאָ, האָט
איבערגעגעבן אינטערעסאַנטע עפּי־
זאָדן פון זיין רייזע קיין מדינת ישראל,
זיינע באַגעגענישן אויף דער שיף
און זיינע איינדרוקן אין דער מדינה,
זיין באַזוך אין דער „יד ושם“ אינסטי־
טוציע און אַנדערע מקומות. שלמה
צוקערמאַן, פאַרזיצער.

יט) שבת אָוונט, פעברואַר 9 — ישראל
גובקין, פּעדאַגאָג, לעקטאָר און גע־
לערנטער, רעפערירט אַד“ט: „די
יסודות פון מאָדערנער יידישער ליטע־
ראַטור,“ באַטאָנענדיק אַז די יידישע
ליטעראַטור דאַרף זיין געבויט אויף
דריי גרונטפּרינציפּן: רעליגיע, יושר
און אָפּטימיזם. יצחק ראַטבלום, באַ־
גאַבטער שוישפּילער און רעציטאַטאָר,
האָט פאָרגעלייענט פון יידישער ליטע־
ראַטור. אַברהם שוואַרץ, פאַרזיצער.

כ) שבת אָוונט, פעברואַר 18 — געוויד־
מעט דער דערשיינונג פון באַניטן
זשורנאַל „חשבון“. אַריה פאַזי, רע־
דאַקטאָר פון „חשבון“, האָט רעפערירט
אַד“ט: „דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט
ביי די ברעגן פון פּאַסיפיק“; פּינטשע
בערמאַן, באַקאַנטער דיכטער, האָט
פאָרגעלייענט פון זיינע ווערק; באַגרי־
סונג פון ז. בונין, סעקרעטאַר פון
„חשבון“. דער יונגער פידל־קינסט־
לער אַנדרע בעלאָו, מיט שענאַן געל־
סאָן ביי דער פּיאַנאָ, אין אַ מוזיקאַלי־
שער פּראָגראַם. תנחום ברייס, פאַר־
זיצער.

כא) שבת אָוונט, פעברואַר 25 — קבלת פנים פאַרן חשובן גאַסט פון דרום אַפריקע, פייוול זיגעלבוים, קולטור און געזעלשאַפטלעכער עסקן, שריפטשטעלער און לעקטאָר. דער חשובער גאַסט האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן דאָס יידישע לעבן אין דרום אַפריקע. מוזיק פון דעם באַגאַבטע טשעליסט היימאַן גאָלד, מיט שענאָן געלסאָן ביי דער פיאַנאָ. תנחום ברייס, פאָרזיצער.

כב) שבת אָוונט, מערץ 4 — אַ רעפעראַט פון יעקב קאַץ, גאַסט פון שיקאַגאָ, וועגן חיים גראַדעס ניי דערשינענעם בוך, „די ישיבה", וואָס דער יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד אין ל. א. האָט אַרויסגעגעבן. אויסצוגן פון חיים גראַדעס ווערק זיינען פאָרגעלייענט געוואָרן פון חיים אָסטראָווסקי.

כג) שבת אָוונט, מערץ 11 — אַ מוזיקאַלישע פראָגראַם פון שענאָן געלסאָן טריאָ מיט דער באַטייליקונג פון: הערמאַן גאָלד, טשעליסט; יוסף האַרדינג, פידל־שפילער, און שענאָן געלסין ביי דער פיאַנאָ. זיי האָבן געשפילט קלאַסישע און יידישע פאָלקס קאָמפאָזיציעס. שלמה צוקערמאַן, פאָרזיצער.

כד) שבת אָוונט, מערץ 18—אַ רעפעראַט פון דעם רבי, פעדאַגאָג, לעקטאָר און געלערנטן, הרב ד"ר בערנאַרד קאָהן, אויף דער טעמע: „די רעליגיעז־פילאָסאָפישע שיטה פון מרדכי קאַפלאַן."

יצחק רויטבלום, באַגאַבטער בינעקינסטלער, האָט פאָרגעלייענט פון דער יידישער ליטעראַטור. יצחק סאַפיאַן, פאָרזיצער.

כה) שבת אָוונט, מערץ 25 — פורים פייערונג. יצחה קאָלער, באַגאַבטער לעקטאָר און געלערנטער, האָט רעפערירט וועגן יום־טוב פורים. פאָרלעזונגען פון באַגאַבטן רעציטאַטאָר, מרדכי מייזעל, און פורימדיקע געזאַנג פון חזן העראָלד גרין מיט זיין כאָר. שלמה צוקערמאַן, פאָרזיצער.

כו) שבת אָוונט, אַפריל 1 — מוזיקאַלישער אָוונט מיטן אָנטייל פון אַמעריקאַנער יידישן געזאַנגס פאַראיין, אָנגעפירט פון רעי בראַודאַ, אין אַ פראָגראַם פון קלאַסישע און יידישע לידער. תנחום ברייס, פאָרזיצער.

כז) שבת אָוונט, אַפריל 8 — די באַקאַנטע ליטעראַרישע לעקטאָרין, דאָראַ מייזעל, רעפערירט איבער דער טעמע: „יידיש, נעכטן און היינט," און זי ווייזט אויף אַז ניט נאָר גייט יידיש ניט אונטער, נאָר עס ווערט פאַרשטאַרקט, און יידיש איז וויכטיק פאַרן קיום און המשך פון יידישן פאָלק. מוזיק פון יונגן פידל־קינסטלער אַנדרע בעלאָו, פיאַנאָ באַגלייטונג פון שענאָן געלסין. שלמה צוקערמאַן, פאָרזיצער.

כח) שבת אָוונט, אַפריל 15—געווידמעט דעם יידישן מוזיק־חודש. אין פראָגראַם האָבן זיך באַטייליקט: מאַרטאַ צייטלין, באַקאַנטע קינסטלערין, אין אַ רייע קלאַסישע און פאָלקס־לידער. דער פאָרזיצער פון אָוונט, יצחק סאַפיאַן, האָט ביי דער געלעגנהייט פון יידישן מוזיק־חודש געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דעם באַטייט פון יידישע מוזיק און אָנגעוויזן אויף פיר פאַזן פון יידישע מוזיק, ווי 1) דאָס וויג־ליד, 2) דאָס פאָלקס־ליד, 3) אינסטרומענטאַלע מוזיק, 4) רעליגיעזע און חסידישע מוזיק, און באַטאָנט, אַז וואָס עלטער אַ פאָלק ווערט אַלץ גרעסער זיין אוצר פון געשאַפענעם פאָלקלאָר.

כט) שבת אָוונט, אַפריל 22—אַ סימפאָזיום, געווידמעט דעם 70־יאָריקן יובל פון „פאָרווערטס" און 75 יאָריקן יובל פון „צוקונפט", מיט דער באַטייליקונג פון: זלמן זילבערצווייג, מחבר פון טעאַטער־לעקסיקאָן; סערגעי גוטקעוויטש, פעדאַגאָג און לעקטאָר, תנחום ברייס, פאָרזיצער.

ל) שבת אָוונט, אַפריל 29 — פסח פייערונג. אריה פאָזי, רעדאַקטאָר פון „חשבון" האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דעם באַדייט פון יום־טוב פסח. דער מוזיקער, חזן נתן קאַצמאַן, האָט געזונגען אַ רייע יידישע און העברעאישע לידער; פאָרלעזונג פון אברהם שניידער, באַקאַנטער רעציטאַטאָר;

שענאַן געלסין ביי דער פּיאַנאָ. שלמה צוקערמאַן, פּאַרזיצער.

לא) שבת אָוונט, מאַי 6 — אַ מיטגלידערשאַפט פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געדאַרפט ווערן אָפּגעגעבן אַ פינאַנציעלן באַריכט פון קלוב, אָבער איבערן טרויער פון פּלוצלינגן טויט פון חבר יצחק סאָפּיאַן ע״ה, זיינען ניט פאָרגעקומען קיין פאַרהאַנדלונגען. זיינען די פאַרזאַמלטע געזעסן אין שטילשטאַנד און אין טיפן טרויער.

לב) שבת אָוונט, מאַי 13 — פייערונג פון „יום העצמאות" פון מדינת ישראל. משה כהן, פירנדער עסקן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און לעקטאָר, האָט רעפערירט אד״ט: „די באַדייטונג פון אונדזער שמחה". די „הבונים" יוגנטלעכע גרופּע פון דער דערמאָנטער באַוועגונג אין ל. א. האָבן דורכגעפירט אַ פּראָגראַם פון ישראל געזאַנג און טענץ. ד״ר יעקב שעכטער, ישראל מוזיקער, האָט אָנגעפירט מיטן מוזיקאַלישן פּראָגראַם. שלמה צוקערמאַן פּאַרזיצער.

לג) שבת אָוונט, מאַי 20 — אַ מיטגלידער פאַרזאַמלונג. שמואל לעווין, פינאַנץ סעקרעטאַר פון קלוב, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון פינאַנציעלן צושטאַנד, די איינּנאַמע און אויסגאַבן פאַרן לעצטן יאָר. אין זעלבן אָוונט דערעפנט די יערלעכע אַקציע פאַר פינאַנציעלע ביישטייערונגען אָנצופירן די אַקטיוויטעטן פון קלוב. די חברים שלמה צוקערמאַן, פאַרזיצער, און מאיר לעדערמאַן, מיטפאַרזיצער, זיינען דערווילט געוואָרן אָנצופירן די אַקציע. תנחום ברייס, פאַרזיצער.

לד) שבת אָוונט, מאַי 28 — חשובער גאַסט פון פאַריז, באַקאַנטער זשורנאַליסט, ל. לענעמאַן, קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", האָט געגעבן אַן איבערבליק פון יידישן לעבן אין פאַריז, פון איירופּע און אויך וועגן קריזיס אין מדינת ישראל. יוסף סעקסאָן, טשעלאָ קינסטלער; שענין געלסין ביי דער פּיאַנאָ. שלמה צוקערמאַן, פאַרזיצער.

לה) שבת אָוונט, יוני 3 — אויפטריט פון באַוואוסטן אַמעריקאַנער יידישן געזאַנגס פּאַראַיין, אָנגעפירט פון דער באַקאַנטער מוזיקערין, רעי בראַודאַ, אין אַ פּראָגראַם פון יידישע און קלאַסישע לידער, מיטן כאָר און סאָלאָס. שלמה צוקערמאַן, פאַרזיצער.

לו) שבת אָוונט, יוני 10 — דער סיום הזמן. פּראָפ. משה ליבמאַן, געלערנטער, פּעדאַגאָג און לעקטאָר, האָט רעפערירט אד״ט: „שבועות ביי יידן אין טראַדיציע און אין פאָלקלאָר." דער שוישפּילער און רעציטאַטאָר יצחק ראַטבלום האָט פאָרגעלייענט וועגן שבועות, און שענין געלסין האָט געשפּילט ניגונים אויף דער פּיאַנאָ, צוזאַמען מיטן פידל־קינסטלער אַנדרע בעלאָו. שלמה צוקערמאַן, פאַרזיצער.

## באַנקעט לכבוד יוסף וויינמאַן

זונטאָג אָוונט, דעם 23טן יולי, איז פאָרגעקומען דער שלוס־זמן באַנקעט פון יידישן קולטור־קלוב, וואָס איז געווען געווידמעט דעם חשובן קולטור־טוער יוסף וויינמאַן, איינער פון די ראשונים און פירערס פונעם קלוב.

שלמה צוקערמאַן, וועלכער איז געווען פאַרזיצער, האָט אין זיין איינלייטונג דערקלערט:

— דער אָוונט איז געווידמעט אונדזער ליבן, גוטן און פאַרדינסטפולן חבר יוסף וויינמאַן. מיר טוען עס בכדי בציבור אויסצודריקן אונדזער טיפע אַכטונג צו חבר וויינמאַן און אונדזער אָנערקענונג פאַר זיין פיל־יאָריקער איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת דעם קלוב אויף אַלערליי געביטן: פינאַנציעלע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע.

יוסף וויינמאַן באַגרענעצט אָבער ניט זיינע טעטיקייטן לטובת הכלל בלויז מיט קלוב־אַרבעט. זיינע פאַרדינסטן זיינען גרויס אויף אַלערליי יידיש־נאַציאָנאַלע און קולטור־געביטן. ער האָט געשאַפן איבער הונדערט טויזנט דאָלער פאַרן הסתדרות אַנטוויקלונגס פאָנד; ער איז דער פאַרוואַלטער פון אונדזער זשורנאַל „חשבון"; ער האָט געשאַפן אַ סך אַבאָ־

# רשימה פון די ליטעראַרישע מאָנטאג אָוונטן פון ל. א. קולטור קלוב

א) מאָנטאג אָוונט, דעם 12טן דעצעמבער, 1966, האָט דער באַקאַנטער שרייבער, קולטור און פועלי־ציון עסקן (מר. חיים שמאַליץ?) רעפערירט אויף דער טעמע: „דער 10טער יאָרטאָג פון סיני אַקציע און די נצחונות פון מדינת ישראל, וואָס האָבן איבערראַשט די וועלט."

ב) מאָנטאג אָוונט, 23טן יאַנואַר 1967 — יצחק ניומאַן, מחבר פונעם בוך „פון די אַלטע אוצרות", האָט רעפערירט אד"ט: „דאָס לעבן און שאַפן פון רמב"ם." דער רעדנער ברענגט אַרויס דעם גרויסן פאַרנעם פון רמב"ם און זיין באַדייטונג אין דער יידישער געשיכטע.

ג) מאָנטאג, יאַנואַר 30 — א שלושים אָוונט אין אָנדענק פונעם דיכטער אַהרן גלאַנץ לעיעלעס ע"ה.

ד) מאָנטאג אָוונט, פעברואַר 13 — האָט דער באַקאַנטער קולטור־עסקן, מיטגליד פון קלובס פרעזידיום, תנחום ברייס, גערעדט וועגן טאָג־פראַגן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן סדר היום דער רעדנער האָט זיי באַלויכטן און אויפגעקלערט.

ה) מאָנטאג, מערץ 6 — אַן אָנדענק־אָוונט אין כבוד פון דער באַקאַנטער שרייבערין און קולטור־טוערין, גאָלדע דראָזד ע"ה.

ו) מאָנטאג אָוונט, מערץ 20 — האָט חבר שייע שיכאַטאָוו, באַגאַבטער קולטור־עסקן, געהאַלטן אַ רעדע אד"ט: „די ספרדישע יידן און זייער ביישטייער צום וועלט־יידנטום; זייער אַרט לעבן, זייערע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען, זייערע מנהגים און באַציאונגען צום כלל ישראל און מדינת ישראל.

ז) מאָנטאג אָוונט, אַפּריל 17 — האָט דער באַקאַנטער קולטור־עסקן, פּאָול שלאָסער, געהאַלטן אַ לעקציע אד"ט: „רעליגיעזע און ניט רלעיגיעזע שטימונגען אין יידישן לעבן אין אַמעריקע."

ח) מאָנטאג, יוני 5 — אַן אָוונט צו די שלושים פון דעם פאַרדינסטפולן קולטור־טוער, מיטגליד פון קלובס פרעזידיום, חבר יצחק סאַפּיאַן ע"ה. גערעדט האָבן פאַרשטייער פון קולטור־קלוב, פון ה. רויזענבלאַט צווייג פון פאַרבאַנד, פון אברהם ליעסין אַר. רינג ברענטש. די רעדנער האָבן מיט טיפן צער און טרויער באַטאָנט דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס מיר אַלע האָבן געליטן דורך יצחק סאַפּיאַנס פּטירה און דערציילט וועגן זיינע מעשים טובים און שם־טוב וואָס ער האָט איבערגעלאָזן. יהי זכרו ברוך!

ט) מאָנטאג אָוונט, יוני 12 — דער באַקאַנטער אַקטיווער קולטור־טוער, מאָריס פאַרבער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי זיך ערשט צוריקגעקערט פון אַ רייזע אין פראַנקרייך, פּאָרטוגאַל און שפּאַניע — האָט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון דאָרטיקן יידישן לעבן. עס איז געווען אינטערעסאַנט און אינפאָרמאַטיוו.

---

נענטן פאַרן „יידישן קעמפּער"; האָט געהאָלפן דעם ל. א. קאָונסיל פון פאַרבאַנד אַרויסצוגעבן חיים גראַדעס ביכער; ער איז אַן איבערגעגעבענער עסקן לטובת דעם פאַרבאַנד, דעם אינסטיטוט פון יידישער דערציאונג און דער פאַלקשול; און אין די אַלע פאַרצווייגטע טעטיקייטן, וואָס ער פירט אָן, איז ניט נאָר וואָס ער טראָגט צו זיינע אייגענע ביישטייערונגען, און טוט עס ביד רחבה, נאָר ער באַווירקט אויך אַנדערע צו טאָן דאָס זעלביקע וואָס ער אַליין טוט.

די אַנדערע וואָס זיינען געקומען באַגריסן יוסף ווייַנמאַן זיינען געווען:

בערנאַרד גינגאָלד, פרעזידענט פון פאַרבאַנד קאָונסיל; מאָריס פאַרבער, אברהם שניידער, אַ יוגנט חבר פון יוסף ווייַנמאַן; חברה לערנער און שמואל ברייַנין.

צום שלוס פונעם באַנקעט האָט דער פאַרזיצער, שלמה צוקערמאַן, אויסגעדריקט אַלעמענס דאַנק צו די חברים מאָריס און מאַניע פאַרבער, וועלכע האָבן געגעבן דעם מאָלצייט פונעם באַנקעט און די גאַנצע הכנסה איבערגעגעבן ווי אַ מתנה צום קלוב.

**מאָריס זילבערט, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר**

# אַ פאַרדינטער דאַנק

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קול־טור־קלוב דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק צו :

## חבר שלמה צוקערמאַן
### און צו זיין מיטאַרבעטער
## חבר מאיר לעדערמאַן

פאַר זייער ענערגיע און פלייס אָנצופירן אונדזער יערלעכע קאַמפּאַניע לטובת דעם בודזשעט פון אונדזער קלוב, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט מיט גרויס דערפאָלג.

די יערלעכע שטייערן, וואָס דער קלוב קריגט פון זיינע מיטגלידער, דעקט ניט מער ווי אַרום פערציק פראָצענט פון די הוצאות. די איבעריקע געלטער קריגן מיר פון די צוגאָב־בײַשטייערונגען פון מיטגלידער און פריינד פון קלוב.

גלייכצייטיק דריקן מיר אויס אַ האַר־ציקן דאַנק צו אַלע אונדזערע חברים און פריינד, וואָס האָבן זיך אַזוי וואַרעם אָפּ־גערופן מיט זייערע ביישטייערונגען און מיט טעטיקייט לטובת אונדזער קלוב, וואָס טרעט איצט אַריין אין 42סטן יאָר פון זיין קיום און האָט אין משך פון די אַלע יאָרן פיל משפיע געווען אויפצוריכטן יידישע קולטור טעטיקייט אין לאָס אַנגע־לעס און איז דורך דעם מפורסם איבערן גאַנצן לאַנד.

---

## ביישטייערונגען

$500.00

צוואה פון יוסף שפּיגלמאַן ע״ה

$240.00

חברה ראָוז אייבראַמסאָן

$125.00

חבר און חברה שלמה און ציליע צוקערמאַן
חברה און חברה אַלעק און בעטי קאַרסאָן

$100.00

חברה און חברה יוסף און דזשעני ווײַנמאַן
חבר און חברה מאָריס און שרה ווינאַרסקי

חבר און חברה מאָריס און מאַניע פאַרבער
חברה מוסי פרידלאַנד
חברה פעי סאַפּיאַן, אין ליכטיקן אָנדענק פון איר מאַן יצחק סאַפּיאַן ע״ה

$90.00

חבר און חברה שמואל און ליובע בריינין

$80.00

חבר און חברה חיים און שרה בתיה דאַרנאָוו

$50.00

חברה גאָסי אייעראָף
חבר הערי גאָלד
חבר טשאַרלי צוקערמאַן
חבר און חברה אייב און מיני שוואַרץ
חבר און חברה יוסף און מערי ליוואַק
חבר און חברה סעם און דאָרע לעווין
חבר און חברה בען און אסתר סאָלאָמאָן
חבר און חברה אייב ראָטבלאַט
2410 גאַטרי קאָורט

$35.00

חבר און חברה תנחום און טילי בריס
חברה פעני לעווין
דאָקטאָר בענדזשאַמין קאַרפּמאַן
אין אָנדענק פון זיינע עלטערן ע״ה

$30.00

דאָקטאָר סימאָר וויק, אין כבוד פון דיינע עלטערן מאָריס און שרה וויאַנערסקי

$25.00

חבר און חברה סאָל שפּיגעלמאַן
חברה מלכה רויזענבלאַט
חברה לאה באַרנעס

חבר און חברה שמחה און יעטאַ גרעי
חבר און חברה דוד און מאַלי מאַרסעל
חבר און חברה משה און בלומע שטיינבערג
חבר און חברה רפאל און גאָסי ראָזענשטיין
חבר און חברה מאָריס נעדילמאַן
חבר און חברה יצחק ראָטבלאַט
חבר און חברה פייוול און חנה לערנער
חבר און חברה מאיר לעדערמאַן
חבר און חברה סאָל אַדעס
חבר און חברה מאָריס און רחל דייטש
חבר און חברה הערי און סאָפיע שטערנפעלד
חבר און חברה בערנאַרד און מרים גינגאָלד
חבר און חברה י. ערלין
חבר און חברה דוד שעראַגא
חבר און חברה דוד ווינער
חבר משה קאַפּלאַן
חבר י. פרידמאַן
חבר ל. גאַלפּערין
חברה ראָוז באַלאַט
חבר און חברה סעם און שאַרלאַט שאַרף
חבר און חברה מאַקס און עטל רומאַק
חברה ענע פעלדמאַן, אין אָנדענק פון איר ליבן מאַן דוד פעלדמאַן ע"ה
חברה ראָוז זעלמאַן
אין אָנדענק פון איר מאַן ע"ה
חברה ל. טובערט
אין אָנדענק פון איר מאַן ע"ה

## $20.00

חבר און חברה דזשעק קאָהן
חבר און חברה מאָריס גאַלאַנטי
חבר און חברה יוסף מירענסקי
חבר און חברה עזרא סטיין
חבר און חברה דזשוליס און בערטאַ מילער
חבר און חברה יונה בערקאָוויטש
חברה שושנה ראָוז שאַפּיראָ
חבר און חברה הערי ראָבינסאָן
אין כבוד פון אונדזערע פריינד
יוסף און דזשעני וויינמאַן

## $15.00

חבר און חברה משה אָדערבערג
חבר און חברה ראָבערט און פערל טעמפּער
חבר און חברה בען און מיני סאַפּקין
חבר און חברה סעמיועל פריעד
חברה חייקע בענק
חבר היימאַן אייבראַמס
חבר סעם שפּיגעלמאַן
חבר ווילי שאָר

## $10.00

חבר און חברה זלמן און ציליע זילבערצווייג
חבר און חברה הענעך און דאָרע גאָלדשטיין
חבר און חברה הערי פּערלאָוו
חבר און חברה מאָריס און חייקע ווינער
חבר און חברה ישראל פריינד
חבר און חברה פיליפּ בראָודי
חבר און חברה י. וויינשטיין
חבר און חברה ז. בונין
חבר און חברה יצחק און חיה ניומאַן
חבר יצחק צוקערמאַן
חבר אַלעק דיקטאָר
חבר נתן אזאַלין
חבר י. ראָזענבערג
חבר סעמיועל דראָנזשיק
חברה גאָסי סאַרטאָ
חברה פּאָגאָרעלסקי
חברה מיני בלאַק
חברה ביילין
חברה וואַניאַ זאַלצמאַן
חברה רעגינאַ זייד
חברה קוויטקאָ

## $7.00

חבר מאיר גרינפעלד

# אַ ווענדונג צו די מיטגלידער פון ל. א. יידישן קולטור-קלוב

פון סעם לעווין, פינאַנץ־סעקרעטאַר

מיט אַ צייט צוריק, ווען איך, אַלס דער נייער פינאַנץ־סעקרעטאַר, האָב אָפּגעגעבן מיין ערשטן פינאַנציעלן באַריכט פון אונדזער קלוב האָב איך אַפּעלירט צו אייך, אונדזערע מיטגלידער, צו פאַרגרעסערן די צאָל פון אונדזער מיטגלידערשאַפט, דורך אַריינברענגען נייע מיטגלידער, ווייל דאָס וועט אונדז פיל העלפן צו אַנטשיידן אונדזערע פינאַנציעלע פּראָבלעמען.

צום באַדויערן, זיינען אין פאַרלויף פון דער צייט קיין נייע מיטגלידער נישט אַריינגעקומען. עס דערקלערט זיך אפשר מיט דעם, וואָס מיין אַפּיל איז דעמאָלט געמאַכט געוואָרן אין מיטן זמן.

דערפאַר, מיינע טייערע פריינד, מיטגלידער פון אונדזער קלוב, ווענד איך זיך צו אייך נאָך אַמאָל איצט ביים נ י י ע ם ז מ ן, צו באַמיען זיך, אַז יעדער איינער פון אייך זאָל אָנווענדן זיינע אַלע מעגלעכקייטן צו באַאיינפלוסן אייערע פריינד און באַקאַנטע אָנצושליסן זיך אין קלוב. ווען יעדער איינער פון אייך וועט אַריינברענגען אפילו ניט מער ווי איין מיטגליד, וועט עס אונדזער קולטור־קלוב פיל אַרויסהעלפן.

ווי איר קענט עס זען פון דעם פינאַנציעלן באַריכט וואָס איך פאַרעפנטלעך אין דעם איצטיקן נומער „חשבון", איז דער מיטגליד־שטייער דער גרעסטער טייל פון אונדזער הכנסה.

אייך וועט בשום אופן ניט זיין שווער אַריינצוברענגען נייע מיטגלידער פאַרן קלוב. נעמט נאָר אין באַטראַכט: פאַר דער מינימאַלער סומע פון 25 דאָלער פאַר אַ פאָרפאָלק און 15 דאָלער פאַר אַ יחיד קאָן אונדזערס אַ חבר האָבן דאָס גייסטיקע פאַרגעניגן פון אויסהערן באַלערנדיקע יידישע לעקציעס, הנאה האָבן פון דעם געזאַנג פון יידישע און העבראַישע לידער געזונגען פון טאַלענטירטע קינסטלער, און בדרך כלל צו פאַרברענגען ביי געדעקטע טישן סערווירט מיט פיינעם כיבוד, מער פון פערציק ליטעראַריש־מוזיקאַלישע שבת־אָוונטן אין פאַרלויף פון דעם זמן.

איך האָף, אַז מיין איצטיקע ווענדונג צו אייך וועט ניט זיין אַ קול קורא במדבר. און צום נייעם זמן ווינטש איך, אַז מיר אַלע זאָלן נאָך פאַר אַ סך יאָרן זיך טרעפן אין אונדזער קולטור־קלוב און פאַרברענגען צוזאַמען אין אַ חברישער און פריינדלעכער מסיבה.

---

$5.00

חבר פּאָלאָטניק

חבר לאָסעס

חבר נתן קאָהן

ד"ר העגרי לוסקין

חברה וואָלפסאָן

חברה לאָראַ רעסלער

חברה דאָראַ ריוולין

חברה גראַנדי

חבר און חברה אָרטענשטיין

חבר און חברה ח. ל. מילער

חבר און חברה פּאָול האָראָקער

חבר און חברה סעם רובין

חבר און חברה א. באַביטש

חבר און חרה אַלתר סערבער

---

*Compliments of*

MANN BROS.

**PAINTS and VARNISHER**

757 No. La Brea Ave.
Los Angeles, Calif.

# FINANCIAL STATEMENT OF THE L. A. YIDDISH CULTURE CLUB FOR THE YEAR 1966-1967

## INCOME

**From September 1st, 1966 — Rec. No. 5601**
**To July 31st, 1967 — Rec. No. 5837**

| | |
|---|---|
| Balance from last year | $ 266.30 |
| Dues | 2178.00 |
| Rent | 1081.00 |
| Admisison at Door | 943.90 |
| Donations | 913.00 |
| Refund from Taxes | 98.68 |
| Received from 1966 Fund Raising | 3228.33 |
| From Savings | 2000.00 |
| **TOTAL** | **10,769.21** |

**175 Paid Members**

## DISBURSEMENTS

**From September 1st, 1966, to July 31st, 1967**
**Check No. 1 — to Check No. 242**

| | |
|---|---|
| Wages — Caretaker | $ $1803.42 |
| Entertainment | 1803.00 |
| Printing and Stamps | 908.33 |
| "HESHBON" | 700.00 |
| Insurance — Fire and Accident | 841.00 |
| Taxes — Internal Revenue and State | 1722.34 |
| Radio Advertising | 75.00 |
| Telephone | 62.89 |
| Gas, Water and Power | 343.24 |
| Gardener | 124.50 |
| Books and Newspapers | 64.50 |
| Advertisng | 285.84 |
| Donations | 266.39 |
| Food | 471.27 |
| Miscellaneous | 311.37 |
| **TOTAL** | **$ 9783.09** |
| Balance at Checks No. 242 | 986.12 |
| **GRAND TOTAL** | **$10,769.21** |

# לזכרון נצח

## י. גינזבורג ע״ה

סוף פאַרגאַנגענעם זומער האָבן מיר באַגלייט צו זיין אייביקער רו דעם באַגאַבטן יידישן שריפטשטעלער און קולטור־מענטש, י. גינזבורג ע״ה.

זיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט י. גינזבורג אָנגעהויבן אין מילוואָקי, וויסק., אין 1930, ווי אַ מיטאַרבעטער אין וואָכנבלאַט „מילוואָקער אידישע שטימע", וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון אַריה פאָזי. שפּעטער האָט גינזבורג געדרוקט אַרטיקלען און ליטעראַרישע קריטיק אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן אין ניו־יאָרק און שיקאַגאָ.

די לעצטע יאָרן האָט י. גינזבורג געוואוינט אין וועניס, קאַליפאָרניע.

אין וועניס, וואָס איז ביים ים, איז אַלע מאָל לעבעדיק. באַזונדערס זומער־צייט, ווען מענטשן פון ל. א. קומען אַהין זיך אָפּקילן פון די היצן און צו באָדן זיך אין ים. אויפן ברייטן טראָטואַר, פאַזע דעם ים־ברעג, איז אַלע מאָל פאַראַן אַ כסדרדיקע באַוועגונג פון מענטשן.

און צווישן דעם דאָרטיקן טומל געפינט זיך אויך אַן אָאַזיס פון תורה און קולטור־טעטיקייט. די דאָרטיקע אָנגעזעענע קולטור־פאָרפאָלק, עקיבא אייזן און זיין פרוי, האָבן אָפּגעגעבן אַ גרויסע שטוב אין זייער וואוינונג (22 סאָנסעט דרייוו), פאַר די פאַרזאַמלונגען און דער ביבליאָטעק פון דעם יידישן קולטור־קרייז אין וועניס — „חברותא", וואו יעדן דינסטאג נאָך מיטאָג ווערן געהאַלטן לעקציעס פון פאַרשיידענע רעפערענטן איבער אַלערליי טעמעס: פּאָליטישע פראַגן, ליטעראַטור, קונסט און יידישע פּראָבלעמען. געוויינלעך, ווען דער רעדנער פאַרענדיקט זיין רעפעראַט, שטעלט מען אים פראַגן און מ׳האַלט דיסקוסיעס.

י. גינזבורג איז געווען דער גרינדער פון דער „חברותא" און איר פאָרזיצער אין משך פון די לעצטע זיבן יאָר.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז י. גינזבורג געווען סגי־נהור. פונדעסטוועגן איז ער געווען באַהאַוונט אין אַלץ וואָס עס קומט פאָר אויף דער יידישער גאַס. מ׳האָט פאַר אים פאָרגעלייענט יידישע זשורנאַלן, צייטונגען און אפילו גאַנצע ביכער. ער האָט געהאַט אַ זעלטן גוטן זכרון, האָט אַלץ פאָרגעדענקט און נאָכגעפאָלגט אַלע אַנטוויקלונגען אין יידישן לעבן, בפרט אין יידישן קולטור־וועזן.

ווי דער פאָרזיצער פון „חברותא" פלעגט י. גינזבורג תמיד איינלייטן די לעקציעס מיט אַן איבערבליק פון יידישע קולטור־נייעס איבער דער וועלט און באַזונדערס אין לאָס אַנגעלעס. ער האָט אַלע מאָל געהאַט אין זינען צו באַקאָנען די פאַרזאַמלטע מיט אַ ניי־דערשינענעם יידישן בוך און זיך באַמיט אַז זיי זאָלן עס קויפן.

איצט אַז י. גינזבורג איז אַוועק אין דער אייביקייט, איז די „חברותא" געבליבן אָן אַ פירער. מיר ווילן אָבער האָפן, אַז ס׳וועט זיך געפינען אַ פעאיקער חבר, אַ נוח לבריות, וואָס וועט ממשיך זיין די פיינע טעטיקייט פון דעם דאָזיקן קולטור־קרייז, צו וועמען י. גינזבורג האָט געווידמעט פיל צייט און ענערגיע.

תהא נשמת י. גינזבורג צרורה בצרור החיים.

י. ראַשעל

אַבאָנימענט פאַרן „חשבון" — $5.00 אַ יאָר

# צו די לייענערס און פריינד פון „חשבון"

מיט דעם נומער „חשבון" האָט זיך פאַרענדיקט דעם צוועלפטער יאָרגאַנג פון אונדזער זשורנאַל.

צו אונדזער באַדויערן אָבער, זיינען מיר איצט געצוואונגען צו ווענדן זיך צו אייך פאַר שטיצע, בכדי דער „חשבון" זאָל ווייטער קענען דערשיינען.

די פינאַנציעלע לאַגע פונעם זשורנאַל האָט זיך לעצטנס פיל פאַרערגערט איבער דעם, וואָס די דרוק־הוצאות זיינען פיל געשטיגן און די הכנסות האָבן זיך פאַרקלענערט. דערמיט איז די לאַגע געוואָרן קריטיש.

דער יידישער קולטורקלוב און שרייבער־קרייז טראָגן צו זייער חלק אויסצוהאַלטן דעם „חשבון", אָבער זיי קענען בשום אופן ניט דעקן זיינע פאַרגרעסערטע הוצאות.

מיר האַלטן, אַז ס'איז זייער וויכטיק, אַז אַזאַ גרויסער יידישער ישוב ווי מיר האָבן דאָ אין לאָס אַנגעלעס, זאָל פאַרמאָגן אַן אייגענע שריפט אויף יידיש — אַ שריפט, וואָס זאָל געבן אויסדרוק דעם יידישן קולטור־לעבן אין קאַליפאָרניע.

דעריבער ווענדן מיר זיך צו אייך מיט דער בקשה:

ערשטנס: שיקט אַריין אייער אַבאָנענט אָפּצאָל, וואָס מיר זיינען לעצטנס געצוואונגען געוואָרן צו העכערן אויף $5.00 אַ יאָר;

צווייטנס: שטיצט דעם „חשבון" מיט אַ באַזונדער ביישטייער.

ביז איצט האָבן מיר אַריינגעקראָגן ביישטייערונגען פון די ווייטערדיקע חברים און פריינד צו וועמען מיר דריקן אויס אַנערקענונג און דאַנק:

---

## באַגריסונג פון

## חבר און חברה ישראל פריינד

מרים און לייזער מעלצער — — $60.00

פעי סאַפּיאַן, אין אָנדענק פון איר מאַן, יצחק סאַפּיאַן ע"ה 55.00

רחל האַוזנער, אין אָנדענק פון איר שוועסטער, גאָלדע דראָזד ע"ה 40.00

ד"ר און מרס. לואיס פרייברון — 25.00

יעטאַ און ז. בונין — — — — — 25.00

בעלאַ און אַריה פּאָזי — — — — 25.00

די ברידער דייטש, אין אָנדענק פון זייער ברודער, מאָטעס דייטש 25.00

באַשקע דייטש, אין אָנדענק פון איר מאַן, מאָטעס דייטש ע"ה — 20.00

מוסי פרידלאַנד, אין אָנדענק פון איר מאַן, יצחק פרידלאַנד ע"ה — 15.00

ווילי שאָר — — — — — — — 36.00

יוסף ווײנמאַן — — — — — 10.00

שלמה צוקערמאַן — — — — — 10.00

מר. און מרס. טויזערמאַן — — 10.00

פינטשע בערמאַן — — — — — 10.00

מאיר לעדערמאַן — — — — — 5.00

עני קליינאַרט — — — — — 5.00

י. ראַשעל — — — — — — 5.00

יצחק ניומאַן — — — — — — 5.00

מאיר אייזענדאָרף — — — — — 5.00

ראָוז באַלאָט — — — — — — 5.00

משה קאַפלאַן — — — — — — 5.00

נח גאָלדבערג — — — — — — 5.00

רויזענבלאַט לייען־קרייז — — — 5.00

שמחה סאַפּיאַן — — — — — — 5.00

מר. און מרס. ווינאַרסקי — — — 5.00

לאָטי מלאך — — — — — — 5.00

אברהם און מיני שוואַרץ — — — 5.00

ליליען סעלדאָן — — — — — — 5.00

---

ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון „חשבון"

$5.00 אַ יאָר

ה. רויזענבלאַט צווייג
יידיש - נאַציאָנאַלער
אַרבעטער פאַרבאַנד

באַגריסט דעם יידישן קולטור קלוב
צום 41סטן יאָר פון זיין
טעטיקייט.

ראָבערט טעמפּער, פאָרזיצער
גוסטאַוו לאָסעס, סעקרעטאַר

IN MEMORY OF
MY BELOVED HUSBAND
FATHER AND GRANDFATHER



**AARON AYEROFF**

IN MEMORY OF
MY SON-IN-LAW AND FATHER
**RABBI**
**JEHUDAH M. COHEN**

GUSSIE AYEROFF

יהואָש לייען קרייז

מיר באַגריסן האַרציק דעם „חשבון"
מיט דעם נייעם רעדאַקטאָר אריה פּאָזי.
מיר ווינטשן אייך נאָך אַ סך יאָרן
פון שעפערישקייט.

חיה ניומאַן, סעקרעטאַר
שרה האָראָוויץ, פינ. סעקר.


More Jewish Families Select
GROMAN MORTUARIES
HARRY GROMAN, President
TWO LOCATIONS
830 W. WASHINGTON BLVD.
RI 8-2201
LOS ANGELES
11500 SEPULVEDA BLVD.
TR 7-0335
SAN FERNANDO VALLEY
One phone call for all your needs • Services in all cemeteries

**VISTA FURNITURE COMPANY**

1055 No. Western Ave.
HO 3-1525

---

**Villa Valore Apartments**

122 No. Commonwealth Ave.

382-9149

---

*GREETINGS*

FROM FRIENDS OF

**JOE WEINMAN**

**WESTERN DISTRIBUTING CO.**

**FIVE THIRTY LIQUORS**

**ALFRED HART COMANY**

**BOWER GIEBEL WHOLESALE**

**DON W. SNYDER**

**LINNYS OF BEVERLY HILLS**

**SIMON LEVI COMPANY**

**CARNATION COMPANY**

**SAN GABRIEL DISTRIBUTING COMPANY**

**LEEB'S POULTRY RANCH**

**PAUL H. BOZAJIAN**

**NEILS LIQUORS INC.**

**WEINER & CANE INSURANCE**

**SHELET COMPANY**

**MILFORD COMPANY of CALIF.**

*GREETINGS*

**ACME HARDWARE CO.**

150 So. La Brea Ave.
Los Angeles, Calif.
938-3492

---

**UNION MORTGAGE CO.**

2641 W. Olympic Blvd.
Los Angeles, Calif. 90006
DUnkirk 5-7461

---

**Statewide Home Mortgage Company**

12025/2 Ventura Blvd.
Studio City, Calif.
877-0251

---

*GREETINGS*

**SINCLAIR PAINT COMPANY**

3960 E. Washington Blvd.
Los Angeles 23, Calif.
ANgelus 8-2511

---

**Hollywood Refrigeration**

*Appliances for Contractors and Builders*

6100 Melrose Ave. — HO 6-7111
Los Angeles, Calif.

---

**Beverly Venetian Blind Co.**

CARPETS - LINOLEUM - DRAPERIES
WINDOW SHADES - VINYL TILES

8338 West Third Street
Tel. OL 3-2880

BEST WISHES FOR CONTINUED SUCCESS

## JEWISH NATIONAL FUND

**WESTERN REGION**

5410 WILSHIRE BOULEVARD PHONE WEbster 7-0900

MILAN ROVEN, *President*
*Los Angeles Council*

FRED KAHAN
*Western Region Executive Director*

BENJAMIN H. SWIG, *President*
*Western Region*

---

*Compliments of*

**ART PRINTING SERVICE**

355 South Broadway • MA 4-5862 • Los Angeles Calif. 90013

---

*Greetings from the*

## ISRAEL HISTADRUTH CAMPAIGN

**OF LOS ANGELES**

JULIUS FLIGELMAN
*President*

JOHN I. MARDER
*Chairman*

JACK KAHAN
*Chairman*

REBECCA GOLDBERG
*Secretary*

*Administrative Board*

BERNARD B. JACOBSON
*Executive Director, West Coast Region*